# אויפגאנג

Nr. 9



1943-19-IV-1948

פארן כבוד פון יידישן פאלק!

# אויפגאנג

חודש-זשורנאל ארויסגעגעבן דורך דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ. ק.
פון די יידן אין פוילן ● 19 IV 1948 ● 9 №

ביינעם העלער

## דענקמאָל

שמעון בר גיורא אויף דעם געטאָ-מויער,
טויזנט יאָר און טויזנט — און ער דויערט!

איבער אלע צייטן, איבער אלע גרוילן
בלייבן וועט נאָך אים א דענקמאָל — פוילן.

אויף די גרויע פעלדער, אויף די ווייטע וועגן
עמעץ וועט אויף אים זיך ווען דערפרעגן.

טייכן וועלן לויפן, ווינטן וועלן רוישן —
אים בלויז וועט דאָרט קיינער נישט פארטוישן.

נייע דורות וועלן וויסטע שטעט באזעצן,
אים בלויז וועט מען דאָרטן נישט פארגעסן. — —

אונזער לייב און לעבן אין דער ערד פאראקערט,
אונזער בלוט, וואָס האָט אין שלאכט געפלאקערט.

אונזער גאנג פון מזרח איבער אָוונט-לענדער,
און דער פאנאטיזם — נישט געענדערט!

שמעון בר גיורא, אויף דעם געטאָ-מויער,
טויזנט יאָר און טויזנט — און ער דויערט!

אָן געווער, ווי דעמלט, צאָרנדיק-באליידיקט —
ווערט דורך אים די געטאָ-וואנט פארטיידיקט!

נעמט-זשע צו די שטיינער, בויט אוים נייע הייזער,
אפשר וועט ער ווידער זיך באווייזן...

אלע שיינע לידער, אלע אים געהערן —
קיינער וועט זיין אָנדענק נישט צעשטערן!







# די לערע פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

ער איז געווען גלייכצייטיק סיי סוף און סיי אָנהויב.

אלס סוף האָט ער געגעבן א תיקון דעם זיגלאָזן לעבן פון א פאָלק, וואָס זיין אינהאַלט איז אין משך פון פיר אומענדלעכע



יוסף לעוואַרטאָווסקי, אָרגאַניזאַטאָר פון אנטיפאשיסטישן בלאָק אין ווארש. געטאָ

שוידערלעכע יאָר באַשטאַנען בלויז אין העלדישן אויסדויער, אין העלדישן בטחון, נישט געקוקט אויף אַלע אוממענטשלעכע לײדן און דערנידעריקונגען. ווי א זון, וואָס רייסט זיך אַדורך אין סוף פון א פאַרוואָלקנדיקן רעגנדיקן טאָג דורך פינצטערע בערג פון כמאַרעס און צעברענט זיך מיט שטאָלצע פלאַמען, אזוי האָט אויך די יידישע גבורה און דער יידישער מוט פון דורות געטאָ־ן א פלאַקער אויף אין דעם פאַרבליבענעם רעשט פון דער יידישער יוגנט און מיט העלער שיין פון אויפגעפלאַמטע הערצער און מיט הייסטן טאַט אויפגעריסן די טריבע טונקעלע שאָטנס פון קנעכטישער הכנעה און צידוק־הדין.

••

די אויפגעהויבענע פויסט פון דער געאייניקטער יידישער יוגנט אין ווארשעווער געטאָ קעגן דעם „אומבאַזיגבאַרן" שונא איז ווי דער מוטיקסטער אַפּעל צום קאַמף פאַר מענטשלעכער פרייהייט אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע פעלקער און צוריקגעשטעלט דעם כבוד און אָנזען פון גאַנצן יידישן **פאָלק.**

אלס אָנהייב, האָט דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ ווי קיינמאָל נישט ביז איצט קלאָר און אויסדריקלעך באַלויכטן דעם איינציק מעגלעכן ווייטערדיקן גאַנג פון יידישן פאָלק. די פאַרשידענע אופנים פון זיין אײנערלעך אויסלעבן זיך ביז איצט, אַלע צופעליקע און נישט צופעליקע פאַרבינדונגען, מיט דער דרויסנדיקער וועלט האָבן זיך אויפגעלייזט אין דעם אויפשטאַנד אין איין נייעם איכות־דיק־אַנדערשדיקן צושטאַנד פון א באַשטימטער נויטווענדיקער עקזיסטענץ אויף להבא. רעאַקציאָנערע איינשטעלונגען און האַנדלונגען אינערהאַלב דעם אייגענעם לעבן, אויסערלעכע פאַרבינדונגען מיט אַזעלכע, אָדער אַנדערע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע כוחות, האָבן אויפגעהערט צו זיין דאָס פּריוואַטע אומבאַרירלעכע רעכט פון דער, אָדער יענער גרופּע, נאָר אַן ענין, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

איבער דעם פינצטערן תהום, אין וועלכן מען האָט דאָס יידישע פאָלק אַריינגעשליידערט האָבן זיך נאָך העלער און אויסדריקלעכער צעגליט די דאָזיקע פאַקטן פון אומבאַדינגטן געשיכטלעכן **אמת.**

ווען די משטיינסגעזאָגט אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערסעם שניט האָבן געמאָרדעט יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך מיט איבערמענטשלעכער מי און מאַטערניש דערשלאָגן צום גליק פון קאָנען אַרויסטרעטן אין אָפענעם קאַמף מיט די דייטשע



מרדכי אַניעלעוויטש, קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד. — סקולפּטור: ש. פאַגעלמאַן

רוצחים, האָט די פּוילישע פאָלקס־אַרמיי געמוטיקט די שטאָלצע זין פון יידישן געטאָ, איניציאַטירט זייער העלדישן קאַמף און אַליין זיך באַטייליקט אין אים.

אָדער: ווען די אַנגלאָזאַקסישע רעאַקציע האָט זיך געשראָקן פאַר דער צעשמעטערנדיקער מפּלה, וועלכע דערוואַרט דעם היטלעריזם, אַלס אַזעלכן, און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אָפּצושוואַכן דעם טעמפּאָ פון יעדן אָנגריף אויף אים, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד געבראַכט אַלס קרבן זיינע בעסטע זין און טעכטער, כדי צו באַפרייען ענדגילטיק די וועלט פון היטלעריסטישן געשפּענסט.

פון זינט די דאָזיקע פאַקטן זיינען אויפגעגאַנגען אין זייער נאַטירלעכן אמת אין האַרץ פון יעדן מענטשן, האָט דער ווייטערדיקער גאַנג פון גאַנצן יידישן פאָלק געמוזט באַקומען א נייע נויטווענדיקע ריכטונג.

דאָס איז די ריכטונג פון דער העלדישער יידישער יוגנט אין געטאָ, וועלכע האָט בלויז אויף דעם דאָזיקן וועג זיך געקאָנט אויפהייבן פון די טיפסטע טעפענישן פון מענטשלעכער אונטערדריקונג און דערנידעריקער שרעק צו די העכסטע הויכן פון זעלבסטשטענדיק פרייען טאַט, ווי דאָס איז מסירת־נפש און גייסטיקע גבורה פאַר דעם כבוד און פאַר דער פרייהייט פון אייגענעם פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

יעדע אַנדערע ריכטונג, וועלכע גייט אויף דעם וועג פון אינערלעכער צעריסנקייט און גלייכצייטיק אויף דעם וועג פון פשרה און נאָכגיביקייט לגבי די אָפענע און פאַרשטעלטע שונאים פון דרויסן, פירט אין ענדגילטיקן סך־הכל צום אומקום פון פאָלק און די שוידערלעכסטע און שענדלעכסטע באַדינגונגען פון נאַציאָנאַלער געפאַלנקייט.

אזא איז די לערע פון אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ און אזא איז די צוואָה פון זיינע העלדישע קעמפער.

אין פינפטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד, ווען פאַרשידענע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע כוחות אויף דעם אייראָפּעישן און אַמעריקאַנער קאָנטינענטן וויקלען פונסנייַ פאַנאַנדער די בלוטיקע פאָנען פון פעלקער־שנאה און קריג, און צווישן אונזערע אייגענע רייען געפינען זיך, ליידער, אויך אַזעלכע, וועלכע האַלטן די פאָנען אונטער, דאַרף די דאָזיקע לערע און די דאָזיקע צוואה פון ווארשעווער געטאָ ספּעציעל ווערן אַרויסגעהויבן, ווי דער איינציקער מעגלעכער אופן פון אונזער ווייטערדיקער עקזיסטענץ, די פּאַרטיידיקער און פּראָפּאַגירער פון אָט דער לערע דאַרף ווערן באַזונדערס אונזער פאַרבליבענע יידישע יוגנט, וועלכע ווייזט אַרויס אַזאַ וווּנדערלעכע מסירת־נפש און קרבנות־גרייטקייט סיי אויף דעם געביט פון אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטו־

(סוף אויף זייט 7)



געטאָ־קעמפער אַבראַשע בלום

מארעק ביטער



# שאנאן דער יונגער קעמפער

דעם דריטן מאי 1943, אין איינעם פון די קאמפס־טעג אין ווארשעווער געטאָ איז אין



שאַנאָן לענט אין די קינדער־יאָרן

חארק פון יידישן ווארשע — פראנציסקאַ־נער־גאס געפאלן א יונגער קעמפער, דער 16־יאָריקער בחור שאַנאָן לענט. ער איז געפאלן אין שענסטן טאָג פון זיין לעבן, ווייל אין דעם טאָג האָט ער, שיסנדיק פון צוויי רע־וואָלווערן, אוועקגעלייגט דריי דייטשישע פאַ־שיסטישע אָפיצירן. זייענדיק גאָר שווער פאַר־וואונדעט און נישט קאָנענדיק זיך צוריקציען מיט זיין קאמפס־גרופע, האָט ער איבערגעגעבן זיינע חברים דאָס געווער און געבעטן זיך דערשיסן.

ווער איז דאָס געווען דער פארביסענער יונגער אנטיפאשיסטישער קעמפער? פון וואָס פארא סביבה איז ער געקומען אין די קעמפנ־דיקע רייען פאר א בעסערן, פרייען מאָרגן?

געבוירן דעם 18־טן מערץ 1926 אין פּאַ־לעסטינע ביי פּראָגרעסיווע עלטערן. דער טאַ־טע — א לינקער „פועלי־ציוניסט”, די מאמע — א קאָמוניסטקע. נישט קאָנענדיק זיך אַק־לימאַטיזירן און נישט האָבנדיק קיין ארבעט, האָבן זיינע עלטערן באשלאָסן צוריקצופאָרן א היים מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס איינציקע, שיין שווארץ יינגעלע שאַנאָן.

געוואָקסן איז דאָס יינגעלע ווי א ביימעלע, איינגעזאפּט אין זיך אלץ, וואָס איז שיין און ווירדיק ביי מענטשן. געווען אמאָל דער בעסטער שילער, ארומגערינגלט זיך מיט גוטע חברים, פאר וועלכע ער איז אלע מאָל א מוס־טער־געווען. דער געהער זיינער איז שטענדיק אָפן געווען און איינגעזאפּט אין זיך דאָס דעמלטדיקע נישט גערעכטע פון דעם סאנאַטאָ־רישן פּוילן. זיינע שווארצע מאנדל־אויגן, האָבן אויף יעדן, ווער ס'האָט זיי נאָר געזען געמאכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק. אין זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער גאנצער טרויער און געראנגל פון יענער עפּאָכע, און נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן זיין באַ־גרינדונג וועגן אנטיסעמיטיזם, וועגן ראסן־דיסקרימינאציעס, נאָך זייענדיק גאָר יונג, האָט ער מיט זיין קינדיש מוחל, שוין גוט פאר־שטאַנען און גוט געקענט די שולדיקע. און געוווסט האָט שאַנאָן, אז לעבן איז קאמף, אז פרייהייט קומט נישט פון זיך, נאָר מ'מוז דארף דאָס אויסקעמפן. און געגרייט האָט זיך דאָס יינגעלע צום קאמף פון קינדווייז אָן. טאקע דערפאר איז ער א גוטער שילער גע־ווען. טאקע דערפאר איז ער א גוטער ספּאָרט־לער געווען, טאקע דערפאר האָט ער א סך געלייענט און געזאמלט וויסן.

די ערשטע צוויי יאָר מלחמה איז אים באַ־שערט געווען צו לעבן אין פרייען ראטנפאַר־באנד אין לעמבערג. אנטלאָפן מיט זיינע על־טערן און משפחה פון באָמבארדירטן ווארשע, האָט ער דאָס ערשטע מאָל באגעגנט די סאָ־וויעטישע ארמיי אין קאָוועל. דער 14־יערי־קער שאַנאָן האָט דערפילט ווי עפּעס פון זיי־נע חלומות וואָלטן מקוים געוואָרן. ער פלעגט זיך גרויסן מיט יעדן זעלנער. מיט יעדן האר־מאט, מיט יעדן טאנק, און אנגעוואָקסן איז אין אים א גרויסע זיכערקייט, אז די ארמיי איז זיינע, אז זיי ווילן דאָס שלעכטסטע פון דער וועלט פארטרייבן. און זיינע אויגן האָבן



עליע מאָזעס (אנדזשיי שמידט)

געפינקלט פון פרייד און האָפענונג. ער האָט זיך דערפילט שטארק און נישט באזיגבאר. אוועקפאָרנדיק מיט זיינע עלטערן קיין לעמ־בערג, האָט ער זיך מיט זיין גאנצן יינגלע־רישן ברען גענומען לערנען. שנעל באהערשט די שפּראך, אפילו דעם אקצענט, איז ער ווי־טער געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאס. אויך דאָרט האָט ער זיך געשאפן גוטע שול־חברים, מיט וועלכע ער פלעגט פירן לאנגע שמועסן און דיסקוסיעס, איבער דעם מלחמה־פייער, וועלכעס איז דאן אָנגעגאנגען אין דער וועלט, און שטענדיק געשטעלט דעם ראטנפארבאנד אלס ביישפּיל פון פרייהייט און שלום. שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער איין וויכטיקן עפּיזאָד אין לעבן פון דעם יינגן שאַנאָן לענט. דאָס איז געווען אין סוף 1940, די דייטשע חיילות האָבן נאָך דאן גע־זיגט אויף אלע פראָנטן און פארשקלאפט איין פאָלק נאָכן אנדערן, די פארטיזאנער זיינען נאָך געווען גענוג שוואך. אין איינעם פון יענע שווערע טעג איז שאַנאָן אהיימגעקומען א צעשטראָלטער, א צעפלאמט פנים. די שטו־ביקע האָבן דערקענט, אז עפּעס זייער וויפּ־טיקס איז פאָרגעקומען, ער ער האָט גאָר נישט גערעדט. ער איז צוגעלאָפן צו זיין מאַ־מע, צעקושנדיק זיך אין מיט גרויסן שטאָלץ ארויסגעצויגן פון טאש א לעגיטימאציע פון „קאָמסאָמאָל”. — מאמע! איך בין היינט גע־וואָרן א מיטגליד פון דער מיליאָניקער קאָ־מוניסטישער יוגנט־משפחה — האָט ער מיט גרויס פרייד אויסגערופן, אָבער לאנג האָט זיך שאַנאָן מיט זיין לעגיטימאציע נישט געפרייט.

אין די ערשטע חדשים פון 1941 זיינען די שווארצע קראָען באפאלן ראטנפארבאנד, פארנומען לעמבערג, ער האָט דערזען און דערפילט דעם היטלעריזם גלייך אין די ער־שטע טעג, בעת דעם גרויסן פּאָגראָם אויף יידן. דאָס, וואָס דער יינגער שאַנאָן האָט זיך צוגעזען אין פארלויף פון 6 חדשים אין לעמ־בערג, איז גענוג געווען, אז ס'זאָל אין אים אָנוואקסן דער ברענענדיקסטער האס און צאָרן צום פאשיזם. זיין אלעמאָל שטראלענדיק פּנים איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אלץ ערנסטער און רייפער. נישט קאָנענדיק מער זיין פּאסיוו צו דעם אלעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, איז ער אויף א קאָנספּיראטיוון אופן אנטלאָפן דאָרט, ווו ס'האָבן זיך געזאמלט די אונטער־ערדישע כוחות צום ווידערשטאנד. —

מערץ 1942 געפינט זיך שאַנאָן אין ווארשעווער געטאָ. ער האָט זיך מיט זיין גאנצן יינגלערישן ברען גענומען גרייטן, צו דעם, וואָס ס'מוז קומען. און ווען ס'איז גע־קומען די שעה פון אנטשיידונג, האָט ער געזעגענענדיק זיך מיט זיינע עלטערן און נאָענטע געדאנקט פאר דער שטאָלצער דערציונג, וואָס ער האָט באקומען און אוועק איז זיין קאמפס־גרופּע פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אונזער פאָלק. אזוי ווי אין זיין גאנץ לעבן, אזוי איז ער אויך דאָרט געווען א מוסטער פון דיס־ציפּלינירטקייט.



געטאָ־קעמפער אליעזר געלער

זאָל דער יונגער קעמפער זיין א מוסטער פאר אונז אלעמען און ספּעציעל פאר אונזער יוגנט אין דעם שווערן געראנגל פון פראָג־רעס קעגן רעאקציע.

חייקע גראסמאן



# צווי מעת-לעת

די ערשטע איז געווען חאנקע. פרייטיק פרי איז זי אוועק פון שטוב און מער זיך נישט אומגעקערט. געוווינט האבן מיר דעמלט אויף וועסאלע 17. מארגנ האט זיך מיר איינגעקריצט די „פריילעכע" גאס מיט איר שטילקייט, ווען אלץ ארום האט געבושעוועט. די קליינע פארשטאט־גאס איז אויך דעם ווינטער־טאג געווען רויק, גלייך ווי זי וואלט זיך צונויפגערעדט צו לאזן מיר אליין מיט דעם ציטער און אומרו פון ווארטן.

חאנקע איז געווען יונג, לעבנסלוסטיק און אומגעוויינלעך פעיק. אויסערן געטא האט איר ארויסגעשיקט די ארגאניזאציע עטלעכע טעג פארן אויסברוך פון דער אקציע, זי זאל האלטן די פארבינדונג מיטן דרויסן און שאפן אדרעסן פאר דער צוקונפטיקער אנטי־דייטשער ארבעט. ווי אזוי איז זי פארלוירן געגאנגען אזוי פרי, נישט באווייזנדיק אפצוטאן דאס ווייכטיקסטע? נישט דערווארטנדיק זיך אויף דער לעצטער שלאכט?

עס איז שוין געווען שפעט אין אוונט. עס איז געבליבן א שעה צו דער „פאליציי־שטונדע". חאנקע איז נאך נישט געווען. דער באוווסטזיין, אז עס דערווארט מיר א נאכט אליין אין דעם צימער, אין דער שטילקייט פון ארום. א נאכט פון טראכטענישן און השערות, האט מיר ארויסגעטריבן פון שטוב. ביי אלא איז שטוב איז שוין געווען די גאנצע משפחה, איר טאטע, דער אלטער באן־ארבעטער, איר דיקע מאמע, מיט איר שטענדיקן ברייטן שמייכל, וואס האט געהאט אזוי פיל אין זיך כדי צו בארויקן, אז ביי מיר אין די אויגן איז זי געווען דער סימבאל פון פויערישער זיכערקייט. ווען כ'האב זיי געמאלדן, אז איך וויל ארייז פון זייער הויף אין געטא און בעט זיי צו באפן א קוק אויב עס קומט נישט קיין דייטש. האבן זיי זיך אפגעזאגט עס צו טאן.

—„דאס געטא איז נאך באוואכט".

— „די אקציע איז נאך נישט געענדיקט".

— „דו קאנסט נישט אריין דארטן, זיץ דארט, ווו דיר איז גוט" — האט זיך געבייזערט די אלטע. נאר אלא מיט איר מאן, דעם שאפער, האבן פארשטאנען, אז אפהאלטן וועלן זיי מיך נישט קאנען.

— „זי וועט דאך במילא גיין, זאל זי בעסער גיין זיכערער" — האט אלא געזאגט — פארווארפנדיק דעם שאל, און איז ארויס אויפן הויף.

אין געטא איז שוין געווען שטיל, נאר דא און דארט האט מען געהערט ־עפעס א וייטע טופעריי פון פיס. שטילע איינגעהאלטענע שלוכצן האבן זיך געטראגן פון די שטיבער, א שטילער איינגעהאלטענער טרויער. האט געהאנגען אין דער לופטן. אזוי ווי אויף א בית־עלמין. עס האט געשוועבט דער טויט איבער די גאסן. די אקציע איז געווען געענדיקט, ס'איז געווען פוסט און טרויעריק. דאס ערגסטע איז אבער געווען די שטילקייט, אזוי ווי אט־אט, און דאס גאנצע געטא וועט אויסברעכן אין



נאלעווקי 30—28 — אמאל

א יאמערלעכן געוויין. הונדערטער טויטע גופים האבן נאך געווארט אויף קבר־ישראל, דאס געטא האט זיך געווערט מיט וואס ער האט געקאנט, ווער מיט א האק און ווער מיט די הוילע הענט. דער פארביסענער ווידערשטאנד, פון אייניקע, דאס פאסיווע קעגנשטעלן זיך פון הונדערטער, איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון דעם, אז די יידישע נשמה איז נאך נישט אינגאנצן געווען צעבראכן. דאס ערשטע מאל זיינען יידן געפאלן אויף די גאסן פון געטא, דאס ערשטע מאל האבן די לעבנגעבליבענע געקאנט די קרבנות צו קבר־ישראל ברענגען.

אין אונזער צימער אויף ביאלאסטאטשאנסקע 15, האב איך געפינען נאר זרחן. נישט געווען מער ערעק, נישט געווען מער פראנעק, נישט געווען מער אונזערע 18 בעסטע חברים און אזויפיל קאמוניסטישע מיטקעמפער.

מיר האבן נישט גערעדט מער וועגן די געפאלענע, נישט דערמאנט זייערע טאטן, זייער גבורה. נישט געווען קיין צייט אויף זכרונות. מיר האבן געמאכט א פלאן אויף די נאענטסטע פאר טעג.

אויף צומארגנס, ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט בין איך ווידער ארויס פון געטא זוכן חאנקען, אנבינדן א קאנטאקט מיטן דרויסן.

איך בין אוועק צו שרהן און געפונען א שלאס אויף דער טיר.

פון אונטן האט דער בעל הבית געעפנט די טיר און מיט א רעש צונויפגערופן אלע זיינע בני־בית. פון דעם הויז בין איך שוין נישט ארויס אליין. פון דעם שמועס צווישן בעל־הבית און די צוויי גרופענע זשאנדארמען האב איך זיך דערוווסט פאלגנדיקע קורצע געשיכטע: זיי זיינען געקומען מיט א דייטש דארט זוכן וווינונגען, און געפינענדיק די טיר געשלאסן, האבן זיי איר אויפגעעפנט מיט כוח. דערמלט זיינען צוויי יונגע יידן ארויסגעשפרונגען דורך דעם פענצטער. איינעם האט מען געכאפט, דעם צווייטן איז געלונגען צו אנטלויפן. אויף שרהן האט מען שוין געטשאטעוועט ביז זי איז געקומען פון דער ארבעט און אוועקגענומען זי אין קאמיסאריאט. דעם בעל־הבית האט מען אנגעזאגט, אלעמען: ווער עס וועט נאר קומען צו דער וווינונג פארהאלטן, און



די געוועזענע ווארשעווער סינאגאגע אויף טלאמאצקע

אפגעבן אין דייטשע הענט. איך בין געווען די ערשטע, וואס איז געקומען אויף דעם אדרעס.

עס האט זיך אנגעהויבן די נאכט פון אויספארשונג. די געדראנקען האבן געארבעט שנעל, די נערוון אנגעשטרענגט ביז צום פלאצן, קיין איין פרט נישט פארזען. זיין נאריש, תמעוואטע און גארנישט נישט פארשטיין אין הלכות פאליטיק. די דאקומענטן זיינען געווען אין ארדענונג, מ'האט מיך געפירט אויף וועסאלע צו מיר אין וווינונג. עס איז שוין געווארן שפעט פינצטער אין גאס. די צוויי זשאנדארמען האבן געפירט א רויקן שמועס, ווי איך וואלט נישט עקזיסטירט, אבער אנטלויפן איז געווען אוממעגלעך. די גאסן זיינען געווען פוסט און די טויערן פארהאקט. דעם צימער האבן זיי דורכגענישטערט, איבערגעווארפן יעדע זאך, געזוכט א צייכן, א סימן אויף די נאזטיכלעך, אויף דעם צעווארפענעם בעטגעוואנט. — ווו איז די צווייטע, וועלכע איז דא פארמאלדן?" — פרעגט מיך איינער. „זי האט א קאוואליר, און קומט אפט נישט נעכטיקן" — ענטפער איך רויק. און אין מוח עקבערט: ווו איז האנקע? חאנקע ווו איז?

נישט געפינענדיק גארנישט, גייען זיי ארויס צו דער באלעבאסטע.

ווען איך בין ארויין פון מיין צימער צו דער באלעבאסטע, האב איך דערזען פאר זיך א שוידערלעכע סצענע. א געל יונג מיידל פון א יאר 18 איז געשטאנען מיט א פארביסענעם אויסדרוק פון פנים, די פויסטן פארקוועטשט און די אויגן פארלאפן מיט כעס און צארן. דאס האט אזוי נישט הארמאניזירט מיט איר גאנצער געשטאלט, וועלכע איז געווען קליין און צארט, אז די דייטשן האבן נישט געוווסט אין אנפאנג וואס מיט איר צו טאן.

— „דאקומענטן!

זי האט ארויסגעצויגן אירע פאלשע דאקומענטן.

„יודין"?

— „ניין" — נאך דעם האט דער זשאנדארם מיטן אויסדרוקלאזן פנים ארויפגעלאזט דער קליינער חנהטשען צוויי פייערדיקע פעטש.



דלוגא 25 — פאר דער פארניכטונג

„וואס האסטו געהאט בדעה צו טאן פארפלוכטע יודין"?

די באלעבאסטע האט זיך געפרווט אריינמישן, זי האט אנגעהויבן מיט איר ביאליסטאקער פויליש, אז די וואס זיצט ביי איר עטלעכע שעה, האט געווארט אויף מיר, אז זי האט געזאגט, דאס איך בין א קוזינע, חאנטשע האט זיך, ווייזט אויס, שנעל אריענטירט און אנגעהויבן גיך, גיך צו רעדן: „איך פרעגט מיך, וואס איך וועל מארגן טאן? — מארגן וועל איך זוכן אן אנדער ארט. היינט בין איך דא צופעליק אריין. מארגן וועט איר מאכן מיט מיר, דאס וואס איר טוט מיט אלע יידן, איר וועט מיך טויטן. איך האב פארשטאנען, אז חנטשע וויל מיך ראטעווען פון יידישן פארדאכט.

מען פירט אונז ביידן אין קאמיסאריאט.

איך קאן זיך נאר אלץ נישט פארשטענדיקן מיט חאנטשען און דער קאמיסאריאט איז שוין נאענט.

דארט זיינען מן־הסתם אויך פאראן שרה און חיים פון גראדנע און אויך חאנקע. באלד וועלן מיר זיין ווידער צוזאמען...

אלע זשאנדארמען קלייבן זיך צונויף אין צימער, ווו מען פירט אונז אריין.

— „דאס איסט איינע יודין" — מעלדעט דער זשאנדארם זיין שעף וועגן חאנטשען.

—„דאס איסט איינע פאלין, וועלכע מיט יודען פארקערט" — ווייזט ער אן אויף מיר.

מיך פארהערט מען די ערשטע. איך פאדער א דאלמעטשער, און בעט מיר דערקלערן אויף פויליש, וואס זיי ווילן פון מיר. מיינע דאקומענטן זיינען ריכטיקע (אליין דורכגעגאנגען די פראצעדור פון פאספארטיזאציע אין „פאליציי פרעזידיום"). אויך מיין ארבעטסקארטע מאכט א גוטן איינדרוק (באקומען פון דעם אנטיפאשיסטישן דייטש — שאדע, דער שפעטערדיקער מיטגליד אין דעם דייטשן אנטיפאשיסטישן קעמערל).

„מאן מוס זי באאבאכטן" — זאגט ארויס דער שעף זיין אורטייל. און איך בין פריי. חאנטשעס דאקומענטן ווייזן זיך ארויס פאר קאמפראמיטירט (די זעלבע דאקומענטן האט געהאט חאנקע, אויך זי איז אלזא אריינגעפאלן).

עס איז שוין נאך האלבער נאכט ווען איך גיי פון דעם גיהנום ארויס. וווהין גייט מען אין דער נאכט אריין, מיט דעם ווייטיק פון וועלן העלפן און נישט האבן די מינדעסטע מעגלעכקייט. איך שלעפ זיך אוועק צו מיר אין פוסטן צימער. מיין שכן פון רעכטס איז א וועכטער פון טורמע, איך קלאפ פארזיכטיק אן אין זיין טיר, אפשר ווייסט ער עפעס וועגן האנקען. ער עפנט מיר האלב אויף די טיר און שרייט מיט אן אוממענטשלעכער שטים מיר אין פנים אריין: „פאשאל פון דאנען", אויב נישט וועסטו גיין דארט ווו דיין יידישע חברטע זיצט. זי זיצט דאך שוין צוויי טעג אין טורמע". די טיר פארהאקט זיך אונטער מיין נאז. נאך איידער איך באוויז צו עפענען דאס מויל. ווידער זיץ איך אליין אין צימער. ער זעט אויס ווי נאך א פאגראם. די צעווארפענע, דורכגענישטערטע בעת דער רעוויזיע זאכן וואלגערן זיך אויף דער ערד. פון וואנעט נעם איך ארויס די פעקלעך דאקומענטן פון אייגענער פראדוקציע, דאס געלט, וואס מען האט באשטימט אויף געווער־איינקויף. דאס אלץ האבן די זשאנדארמען נישט געפונען.

ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן בין איך אוועק פון דעם הויז. איך בין געווען זיכער, אז אין געשטאפא וועט מען דעם ענין חאנקע מיט שרה רעוועלטאוו און חאנטשע פארבינדן און דאן וועלן פירן די וועגן צו אן ארגאניזירטער גרופע מיט קאנקרעטע קאמפס־צילן און נישט צופעליקע קאנטאקטן.

די גרופע אין טורמע איז געווארן גרעסער. ביז 14 מענטשן פון פארשידענע פונקטן זיינען אריינגעפאלן אין געשטאפא. זייער שטאלץ און האלטונג האט ארויסגערופן אכטונג ביי אלעמען. באזונדערס אבער האט זיך אויסגעצייכנט דאס יונגע בלאנדע און שלאנקע מיידל, וועלכער מ'האט א נאמען געגעבן: „די קעניגין פון טורמע". זי פלעגט ציען די אויפמערקזאמקייט מיט איר געהויבענעם קאפ און שטאלצן אויסדרוק פון פנים. זי האט אלעמען געשטארקט און צוגעגעבן מוט אויסצודויערן. דאס איז געווען חאנקע.

מען האט זיי אלעמען דערשאסן אין וואלד און באגראבן אין איין ברודער־קבר ביי נאהאפיאלקע נעבן ביאליסטאק.

מיט זייער פארביסענעם שווייגן און שטאלצער האלטונג האבן זיי פארזיכערט אונזער ווייטערדיקן קאמף.



אזוי האבן די היטלעריסטן פארניכטעט דאס ווארשעווער געטא

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ

# דער אָפּהאַלונג
## פון וואַרשעווער אויפשטאַנד אין לאָדזשער געטאָ

די ידיעה וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז קיין לאָדזש אָנגעקומען צוויי טעג נאָך דעם אויפשטאַנד, די יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי די געטאָ-טויערן האָבן וועגן דעם זיך דערוווסט פון די דייטשע פּאָסטנס.

צו די ערשטע פאַרנעפּלטע, פאַרשידנאַרטיקע קלאַנגען וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער פּשוטער ייד פון לאָדזשער געטאָ זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי:

— ווי קאָן זיין אַן אויפשטאַנד אָן געווער, אָן אַן אָנפירערשאַפט? — האָבן געפרעגט אייניקע יידן — צי איז ביז היינט ווייניק אונזער בלוט פאַרגאָסן געוואָרן? וואָס פאַר א זין האָט א קאַמף, וועלכער איז פון פאָרויס פאַרמשפּט דערשטיקט צו ווערן? צו ברענגען נישט מער, ווי קרבנות? ווי אַזוי קאָנען מיר זיך מיט אַזאַ שונא פאַרמעסטן?

ערשט ווען חייםווידאַווסקי, די לעבעדיקע געטאָ ראַדיאָ-סטאַציע, ווי מען האָט אים גערופן, איז געקומען מיט דער ידיעה, אַז „שוויט" און „קאַשציושקאָ" טיילן מיט פון לאָנדאָן*):

„די יידן פון וואַרשעווער געטאָ קעמפן מיט געווער אין דער האַנט קעגן די דייטשן! די ס. ס.-לייט צינדן אונטער גאַנצן קוואַרטאַלן צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג! דער קאַמף דויערט!"... — זיינען אַלע איבערצייגט געוואָרן אין דער אמתדיקייט און גרויסקייט פון דער געשעעניש:

דאָס לאָדזשער געטאָ איז עלעקטריזירט געוואָרן.

אין די הערצער, וועלכע זיינען פול געווען מיט אומעט און יאוש האָט זיך אָנגעצינדן א פלעמל פון האָפענונג:

— אַן אויפשטאַנד!

פון דעם טאָג, וואָס די דייטשע מחבלים האָבן די לאָדזשער יידן אין געטאָ פאַרטריבן, פון דעם „בלוטיקן מיטוואָך", האָט יעדער דורך אַלע אַקציעס און אַבלאַוועס, דורך אַלע טעג פון הונגער דאָך אויסבאַהאַלטן אין האַרץ א פונק פון האָפענונג, אַז עס וועט קומען א טאָג, ווען מיר וועלן זיי באַצאָלן פאַר אַלץ.

נאָך עטלעכע טעג פון באַגייסטערטער שטימונג האָבן פאַרשידענע ספערן, פּאַרטייאישע און יוגנטלעכע, דורכגעפירט דיסקוסיעס ווי אַזוי זיך צוצוגרייטן צום קאַמף, ווי אַזוי אָרגאַניזירן קאַמפּס-גרופּן.

צום באַדויערן, אויך אין די טעג פון דער גרעסטער פאָלקס-קאַטאַסטראָפע, זיינען די יידישע פּאַרטייען נישט רייף געווען זיך צו פאַראייניקן צום געמיינזאַמען קאַמף קעגן שונא. עס האָט אויך מיטגעווירקט דאָס, וואָס אין די טעג פון פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט איז נישט געווען די אויטאָריטאַטיווע פּערזענלעכקייט, וואָס וואָלט געקאָנט באַהערשן די לאַגע, געבן א געהעריקע ריכטונג די געשעענישן, דערהאַלטן דעם מאָראַלישן ניוואָ פון געטאָ-מענטש. לאָדזש איז אויך געווען א הערמעטיש פאַרמאַכטע תפיסה, וואָס קאָן בשום אופן נישט פאַרגליכן ווערן מיט די געטאָס פון ביאַליסטאָק, ווילנע, טשענסטאָכאָוו אָדער אַנדערע.

די אוממעגלעכקייט פון קאָנטאַקטירן זיך מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג און שאַפן געווער, אַפילו אין א מינימאַלער מאָס, האָט פּאַראַליזירט יעדן געדאַנק וועגן קאַמף.

די בסדרדיקע אַקציעס, וואָס האָבן יעדע משפחה צעריסן, די קראַנקייטן און אומגליקן, וואָס זיינען אומאויפהערלעך אויף דעם געטאָ געפאַלן, האָבן סוף כל סוף די מענטשן פאַרטעמפּט. דער געטאָ-ייד איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט אַרויסגעריסן אַלע פון דער פאַרגליווערטקייט. געמוטיקט, צוגעגעבן כוח אויפצודויערן, דייטשע טאַנקען האָבן דורכגעאַקערט דאָס טראָך דעם ווייטיקלעכן באַוווסטזיין, אַז די וואַרשעווער געטאָ, האָט דאָס האַרץ פון יעדן געטאָ-ייד געקלאַפּט מיט שטאָלץ.

(סוף אויף זייט 9)

*) נעהיימע ר דיא-סטאַציעס.

ישעיהו שפּיגל

# די גרויסע בשורה

געווידמעט די קדושים ראַדיאָ-הערער אין לאָדזשער געטאָ

(פראַגמענט פון א פּאָעמע)

...דאָ האָט א קינד פון פאָלק אין תהום פון טויט און בושה
א ווייסן טרוים געחלומט — א פעלד מיט ווייסן צוויט;
אין אונטערערדיש קעלער פון פינצטערניש געזוינגן
די ערשטע רייד פון גאולה: „טו מוווי ראַדיאָ שוויט!.."

— „טו מוווי ראַדיאָ שוויט!.." — און ס'בויגן זיך די שאָטנס
איבער די פּאַפּירלעך וו'אויף א גמרא-בלאַט;
— „צי הערט איר אונז, צי הערט איר, פעלקער פון אייראָפּע? —
ס'מאַרשירט צו אייך אַרמיי פון פרייען סטאַלינגראַד!!."

עס האָט דאָס קול פון חלל געשפּאָלטן אין דער קאַמער
די פינצטערניש וו'א דימענט, וואָס שפּאַלט דאָס דיקע גלאָז;
און פונם תהום א כשוף מיט טרייסט איז אויפגעגאַנגען
און דעם תהום געהייליקט מיט געהיימען אות.

אין טויטן-קעלער אונטן צעפלאַטערט שטיל דאָס שפּינוועב,
א זון איז אויפגעגאַנגען — זיי האָבן זיך צעוויינט!...
ווידאַווסקי שטייט אינמיטן, קושט אַלע אין דער פינצטער,
— ברידער, ברידער טייערע, מיר זיינען נישט אַליין!...

— "ט ומוווי ראַדיאָ שוויט!.." — א שטראַל האָט ווי א פידל
לאַנג געשפּילט אין קעלער פון דלת על דלת;
פון אונטערערדיש וואָרט — א פייער-זייל צעאַקערט
דעם טויטן פליין אַרום אין וויסטן געטאָ-באַלוט.

ווידאַווסקי שטייט אין חושך און נאָר די הייסע טרערן
זיי פאַלן אויף די הענט אים ווי גליענדיקע זונען;;
זיי וויינען אַלע שוין — אָן אונטערערדיש בליפּען,
אין פינצטערניש זיי האָבן די גרויסע טרייסט געפינען.

ער לויפט דורך הייף און געסלעך צו זיין אַלטער מאַמען,
וואָס גוססט אויף דער פּריטשע — א שווערן טויט פון הונגער;
און ס'פליט פון האַרץ די בשורה — א שוואַלב א פלאַטערדיקע,
וואָס קרייזט אויף טויטן-בעט און הויבט איר אָן צו זינגען.

ער וואָלט אַרויסגעלאָפן אויפן הייליקן פעלד,
פאַרטרויען זיי דעם סוד, זיי, די געטאָ-טויטע,
ס'זאָל גרינגער זיין די ערד זיי מיט דער גרויסער בשורה
פון אונטערערדיש וואָרט, וואָס גייט מיט שריפות רויטע.

ער קלאָגט שוין אינעם זאַמד מיט זיין הייסער תפילה,
ס'האָט אפשר זיך דאָס פאָלק פון טויטע זיך נעמיט;
אָט ליגט ער אויפן זאַמד און מורמלט ווי אין קעלער
דעם שפּרוך דעם הייליקן: „טו מוווי ראַדיאָ שוויט..."

דערווייל ער שטייט ביים בעט נאָך, ווו ס'ליגט די אַלטע מאַמע,
עס ברענגען נאָך אין גסיסה די טויטע אויגן אירע;
און פון איר טויטן-בעט ער לויפט דורך הייף און געסלעך
אָנזאָגן דעם פאָלק די גרויסע, גרויסע בשורה. — —



# מיר זענען מיט זיי

דאָס וואָס עס קומט איצט פאָר אין אַרץ־ישראל פילט אָן מיט אומרו און זאָרג די הערצער פון דער יידישער יוגנט אין גאָר דער



גרייט צו פארטיידיקן דעם ישוב

וועלט. דער אנגלאָזאקסישער אימפּעריאַליזם וויל מיט די הענט פון זיינע געטרייע מיט־העלפער, די מופטי־אראבער פארניכטן דאָס דעראָבערטע אין שווייס און בלוט, יידישע האָב און גוטס.

אין די בערג פון חברון און אין די טאָלן פון עמק, ביי די טויערן פון ירושלים און אין די פאָרשטעט פון תל־אביב, שטייען די יידישע קעמפער אין שווערן געראנגל פאר זייערע נאציאָנאלע און מלוכהשע רעכט. די גאנצע יידישע יוגנט פון ארץ־ישראל איז מאָבילי־זירט און קאמפס־גרייט. טאָג־טעגלעך זיינען די זייטן פון דער יידישער פרעסע איינגעהילט אין שווארצע טרויער־ראמלעך. נאָך דעם אָנ־דענק פון געפאלענע זעלנער, וועלכע האָבן זיי־ערע יונגע לעבנס מקריב געווען פארן לאנד.

וועט דער דאָזיקער בלוט־צושטייער פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין ארץ־ישראל נישט זיין אומזיסט? קאָנען מיר זיך פארמעסטן מיט די אַלע שווארצע כוחות פון דער וועלט, וואָס ווילן אונז פארטיליקן? די דאָזיקע פראגן מאטערן אונז און פאָדערן אן ענטפער.

בלויז עטלעכע חדשים זיינען אוועק, זינט עס איז דורך די פאראייניקטע נאציעס אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַ־שלוס וועגן צעטיילן פּאלעסטינע און וועגן שאפן א יידישע מלוכה. אָבער באלד אויף צו מאָרגנס ווען די יידישע מאסן פון גאָר דער וועלט האָבן נישט באוויזן רעכט זיך אָנצופרייען מיט באשלוס וועגן שאפן א יידישע מלוכה, זיינען אין ארץ־ישראל אויסגעבראָכן, אזוי ווי אויף א באַפעל בלוטיקע אָנפאלן פון די מופטי־באנדיטן אויף דער פרידלעכער יידישער באַ־פעלקערונג. דאָס בעווין־ענגלאנד, וואָס האָט אלץ געטאָן, כדי נישט צו דערלויבן צום אָנ־נעמען דעם היסטאָרישן באשלוס פון „יונאָ״, האָט באוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס זיינע אראבישע אגענטן און אריינגעוואָרפן דאָס לאנד אין א בלוטיקן כאָאָס. עס איז געוואָרן קלאָר, אז אויב די פאראייניקטע נאציעס ווילן באמת לייזן דאָס פּאלעסטינע־פּראָבלעם, דאַן מוזן זיי אָרגאניזירן אינטערנאַציאָנאלע מילי־טערישע כוחות פאר רעאליזירן דעם „יונאָ״־באשלוס. אָבער ערשט איצט איז ארויס די אמעריקאנער אָל פון זאק. די פאראייניקטע שטאטן, וועלכע האָבן נאָר אונטערן דרוק פון ראטנפארבאנד און אַלע דעמאָקראטישע מלוכות געגעבן זייער אונטערשריפט דעם „יו־נאָ״־באשלוס — האָבן אָנגעהויבן די שפּיל פון אָפּשלעפּעניש, כיטרע דיפּלאָמאטישע קונץ־שטיק און אינטריגעס, ביז זיי האָבן דער־קלערט אָפן, אז אמעריקע זאָגט זיך אָפּ פון אונטערשטיצן דעם באשלוס וועגן שאפן א יידישע מלוכה.

אלס די געטרייעסטע פריינט פון יידישן

ראַטעוועט




פאָלק האָבן זיך ווידעראמאָל ארויסגעוויזן די דעמאָקראטישע כוחות פון דער וועלט מיטן ראטנפארבאנד בראש, וועלכע העלפן אונטער אָן קיין שום באוואָרעניש דעם „יונאָ״־באַ־שלוס״.. פאר דער טרומאן־אמעריקע זיינען די נאפט־אינטערעסן אויפן נאָענטן מזרח און די אנטיסאָוויעטישע פּלענער א סך, א סך וויכ־טיקער ווי די נאציאָנאלע אספּיראציעס פון יידישן פאָלק. דער קאמף פאר איינהאלטן און פאר רעאליזירן דעם „יונאָ״־באשלוס איז א קאמף פאר איינהאלטן דעם שלום אויף דער וועלט. דער קאמף פאר א יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל איז אזוי ארום געוואָרן די זאך פון דער אינטערנאציאָנאלער דעמאָקרא־טיע.

דאָס יידישע פאָלק קעמפט פאר א גערעכ־טער זאך, און דעריבער וועט עס מוזן זיגן. עס איז די אויפגאבע פון דער יידישער דעמאָ־קראטיע אין ארץ־ישראל צו פאראייניקן אירע כוחות. ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שטיצן אויף די כוחות פון דער „מערב־דעמאָקראטיע״, ווייל פון דאָרטן קאָן מען זיך ריכטן נאָר פאר־ראַט. דאָס בעווין־ענגלאנד מיט דער מארשאל־טרומאן־אמעריקע האָבן זיך געגעבן די הענט. עס איז דעריבער איצט די העכסטע צייט, אז די יידישע דעמאָקראטיע, שטיצנדיק זיך אויף דער וועלט־דעמאָקראטיע זאָל אויך אירע כו־כות פאראייניקן. דאָס וועט עפענען א וועג צו דער יונגער אראבישער דעמאָקראטישער גע־זעלשאפטלעכקייט.

אין דער איצטעדיקער שווערער גורלדי־קער צייט, וואָס דער ישוב אין ארץ־ישראל לעבט אדורך, איז דער באוווסטזיין, אז מען איז אין קאמף קעגן פינצטערניש און רעאק־ציע נישט פאראיינזאמט, איינער פון די דע־צידירנדיקסטע מאָמענטן. אונזערע ברי־דער און שוועסטער, די העלדישע אומ־דערשראָקענע ארץ־ישראל־קעמפער, דארפן האָבן דעם באוווסטזיין, אז זיי זיינען נישט אליין אינם שווערן געראנגל פאר מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, אז מיר אַלע זיינען מיט זיי, אז זיי האָבן הינטער זיך די אונטערשטי־צונג פון אַלע אויפריכטיקע דעמאָקראטישע עלעמענטן פון יידישן פאָלק.

**פּ. בין**



אויף דער וואך פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל.
זיי וועלן נישט אדורכלאזן די אראבישע באנדעס.

א. קוואַטערקא

# די העלדן־שטאָט וו

דער ערשטער בירגער פון לאַנד — דער מלוכה־פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט העלפט אָפּריייניקן די חורבות פון וואַרשע



## אויפבוי פון וואַרשע — די זאַך פון גאַנצן פאָלק

די דייטשישע פאַשיסטן האָבן מיט א באַזונדערער רציחה, פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זייער רויבערישער אָקופּאַציע, געברענט און פאַרוויסט די שטאָט וואַרשע, נאָך דעם, ווי זיי האָבן אויסגעגליכט מיט דער ערד דאָס וואַרשעווער געטאָ, זיינען זיי אריבער צום פאַרוויסטן די אַנדערע שטאָט־קוואַרטאַלן. 70

פּראַצ. פון דער גרויסער אַנעדרהאַלבן־מיל־יאָניקער שטאָט, איז פאַרניכטעט געוואָרן און די שאָדנס באַטרעפן א קאָלאָסאַלע סומע — איבער 16 מליאַרד פאַרמלחמהדיקע זל.

צוריק אויפבויען די שטאָט און מאַכן זי נאָך שענער ווי זי איז געווען — איז געוואָרן אַן ערן־חוב פון גאַנצן לאַנד, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן, יוגנטלעכע און שול־קינדער, האָבן זיך געשטעלט פריי־ווילּיק צו דער אויפבוי־אַרבעט פון וואַרשע, צום אָפּ־ווימען און באַזייטיקן די בערג בראָכ־וואַרג, פון ציגל און שטיינער. 150 טויזנט אַרבעטס־מענטשן פון שטאָט און דאָרף האָבן געווידמעט טעג און וואָכן ביים צו־העלפן דעם אויפבוי פון דער הויפּט־שטאָט. דאָס גאַנצע לאַנד לעבט מיטן ווילן וואָס שנעלער צוריקצוברענגען די שטאָט צו איר נאָרמאַלן צושטאַנד. א גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט די קאַמפּאַניע פאַרן „אויפבוי־פאָנד פון וואַרשע" — וואָס האָט אַריינגעבראַכט די באַדייטנדיקע סומע פון אַנדערהאַלבן מיל־יאַרד זל.

## די יוגנט שטייט נישט אָפּ פון די עלטערע

ביים אָפּריייניקן און בויען די הויפּט־שטאָט, נעמט א באַזונדערן אַקטיוון אָנטייל די פּוילישע און יידישע יוגנט. א ספּעציעלע וויכטיקע אַרבעט האָט דורכגעפירט דער פרייוויליקער יוגנט־באַטאַליאָן א.נ. פון יאַנעק קראַשיצקי און די יידישע יוגנט־בריגאַדע, ביים אויפבויען און פאַרלענגערן די ניי־מאַרשאַלקאָווסקא־גאַס און ביים אָפּ־ריייניקן דעם פּלאַץ פון די געטאָ־העלדן.

כדי העלפן אין דעם גיגאַנטישן אויפבוי־ווערק זיינען געקומען יוגנט־בריגאַדעס פון יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, און טשעכאָסלאָוואַקיע. פאַר דער ברידערלעכער הילף, זיי־נען פיל פון זיי געוואָרן אויסגעצייכנט און

איינע פון די וואַרשעווער גאַסן, איז אָנגע־רופן געוואָרן אויפן נאָמען פון דער יוגאָ־סלאַווישער יוגנט.

## וואַרשע לעבט צוריק אויף

בלויז דריי יאָר זיינען אַדורך און ווי בולט די שטאָט האָט געענדערט איר פּנים. הינ־דערטער הייזער זיינען פאַר דער צייט אויפגע־בויט און רעמאָנטירט געוואָרן. איבער דריי טויזנט אינדוסטריע־אונטערנעמונגען זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג. די קוימענס פון דער עלעקטראָ־סטאַציע רויכערן גאַנצע מעת־לעתן, די סטאַציע ברענגט ליכט אין די הייזער און גאַסן, דערלאַנגען ענערגיע אין די פאַבריקן. די וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע איז גע־

מיט געמיינזאַמע כוחות וועלן מיר



בּרכט געוואָרן אין אָרדענונג. עס איז פאַר־לייגט געוואָרן גאַז־רערן און טראַמווייַ־רעלסן. איבער די וואַרשעווער גאַסן, זיינען אויפסניי אויפגעבויט געוואָרן 25 טראַמוויי־ליניעס, 11 אויטאָבוס און 3 טרעילאָבוסן־ליניעס. דער קאָמוניקאַציע־פאַרקער האָט זיך פיל פאַרבעסערט. די וועגן און טראָטואַרן פאַר דער קורצער צייט זיינען דער באַפעלקע־רונג איבערגעגעבן געוואָרן דרייסיק טויזנט וווינונגען און נאָך אזא צאָל, האַלט ביים רע־מאָנטירט ווערן.

די גרעסטע דערגרייכונג אין דעם אויפ־בוי־פּעריאָד — איז די פּאָניאַטאָווסקי־בריק איבער דער ווייסל, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין א רעקאָרד־טעמפּאָ פון 11 חדשים. די זעלבע בריק איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוריק געבויט געוואָרן אין משך פון 7 יאָר (פון 1920 — 1927). אדאַנק דער ענערגיע און מי פון די פּוילישע אַרבעטער און אינזשיניערן, אדאַנק זייער מסירת־נפש און איבערגעגעבנקייט, גייט דער אויפבוי פון וואַרשע מיט מיילן־טריט פאָרויס.

אזוי האָבן די דייטשישע פאַשיסטן איבערגעלאָזט וואַרשע



# ארשע אין אויפבוי

## פון קעלער־שטוב
## צו ליכטיקע זוניקע צימערן

ווארשע לעבט ווידער מיט איר גרויס־שטאָטישן לעבן. איבער די, אמאָל באַלעבסטע גאַסן, נייע־וועלט און מאַרשאלקאָווסקע, וואקסן אויס נייע הייזער מיט שיינע מאגאַ־זינען, קאפעען און רעסטאָראנען. די געוועזענע אויאזדאָווער־אלעע, די רייכסטע קאַ־פיטאליסטיש־פריצישע גאס פון פארמלחמה־דיקן ווארשע, טראָגט היינט דעם נאָמען פון גענעראליסימוס יאָסיף סטאלין. דאָס איז אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט פאר דעם בריי־דערלעכן סאָוויעטישן פאָלק. אויף דער סטא־



אויפבויען אונזער ווארשע

לין־אלעע זיינען שוין צוריק אויפגעשטעלט גע־וואָרן די גרעסטע טייל הייזער און פאלאצן. אמאָל האָבן זיי געהערט צו די פאבריקאנטן און פריצים, היינט זיינען זיי דאָס אייגנטום פון פאָלק. דאָ געפינען זיך: דער צענטראל־קאָ־מיטעט פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי (פפר), פארבאנד פון „ראָמבראָווטשאַקעס", געזעלשאפט פון פויליש־סאָוויעטישער פריינט־שאפט, פוילישער ראַדיאָ, הויפט־ראט פאַרן אויפבוי פון ווארשע און א ריי געזעלשאפטן און אינסטיטוציעס.

זייער שיין אנטוויקלען זיך, לויטן פּלאַן פון איבערבויען די שטאָט, די צוויי קוואר־טאלן מאָקאָטאָוו און זשאָליבאָזש. דאָ שטייגן צום הימל ארויף רושטאָוואניעס. אויף יעדן טריט הערט זיך דאָס קלאפן פון בעטאָן־מא־שינען. אין שנעלע טעמפן וואקסן זיך נייע גאסן מיט פראכטפולע געביידעס. הייזער־בלאָקן, וועלכע דערמעגלעכן דער פיל־געליטע־נער ווארשעווער באפעלקערונג ארויסצוגיין פון די פארשמאכטע, פינצטערע קעלער־שטובן, צו ליכטיקע, זוניקע צימערן.

## דאַס יידישע ווארשע
## וועט ווידער לעבן

אין דעם פּלאַן פאר איבערבויען ווארשע — פארנעמט אן אָנגעזען אָרט מוראנאָוו — די געגנט פון געוועזענעם געטאָ. דער אָנהויב איז געמאכט געוואָרן מיטן אויסבויען די ניי־מארשאלקאָווסקע־גאס, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם הרובן יידישן קווארטאל. די טויטע שטילקייט פון דעם געטאָ־שטח, ווערט איבערגעריסן פון דער קלאפעריי פון האַ־מערס און קילאָפן, פון דעם טראמוויי־קלונג און אויטאָ־גערויש.

ביסלעכווייז הויבן זיך פון די חורבות ארויס נייע געביידעס. די יודאיסטישע ביבליאָ־טעק אויף טלאָמאצקע־גאס איז צוריק אויפ־געבויט. דאָ פירט זיין וויכטיקע ארבעט דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט ביים צו־נויפזאמלען די מאטעריאלן וועגן דער מאַר־טירעלאָגיע און אומקום פון פוילישן יידנ־טום. אויף שעננע 60, ליכט ארויס איבער די חורבות פון דעם „קליינעם געטאָ" — דאָס ווייסע, פראכטפולע הויז פון צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. פון דאַ־נען ציען זיך די פארבינדונגס־פעדעם צו אלע יידישע ישובים אין לאַנד און צו דער גאָרער וועלט. ס'ווערן געמאכט צוגרייטונגען אויפ־צובויען יידישע הייזער־קאָאָפעראטיוון פאר דער יידישער באפעלקערונג. אויף יאגעלאָנס־קע 28 איז אויפגעבויט געוואָרן א גרויס 5־שטאָקיק הויז מיט ברייטע רחבות־דיקע צימערן. דאָ געפינען זיך: די יידישע שול, קינ־דער־און יוגנט־היים, יידישער קאָמיטעט. אין קורצן וועט דערעפנט א טעאטער־זאל. אין א צווייט אָרט אויף קאָנאָפאצקא־גאס איז אויפגעשטעלט געוואָרן א נייע געביידע, וווּ עטלעכע צענדליק יידן מיט זייערע משפחות וווינען.

דער אויפבוי־פּלאַן פון ווארשע גייט פאָ־רויס צו פארוואנדלען דעם אמאָליקן יידישן מוראנאָוו אין א באפעלקערטן פונקט מיט הייזער און גאסן, גערטנער און שפּיל־פּלעצער.

היינט בויט זיך דאָ דער דענקמאָל פון יידישער גבורה, וואָס וועט דערציילן פאר דורי־דורות וועגן דער העלדישקייט און רום פון יידישן פאָלק.

איך מוז געבן דער שטאָט ליכט



## עס וואקסן הייזער־קאַרפּוסן,
## אייזן־בעטאָן־גיגאנטן

די גאנצע שטאָט איז פארפולט אין רושט־טאָוואניעס. אין א שנעלן טעמפּאָ וואקסן אויס די הייזער־קאָרפּוסן. די בוי־באוועגונג גייט

ווארשע היינט



עס בויען זיך נייע הייזער



אָן אויפהער, טאָג און נאכט, אין דריי שיכטן ווערן די ארבעטן געפירט. דער אַרבעטס־פּאַרמעסט פון די אַרבעטער און אינזשיניערן גיט זייער גוטע רעזולטאַטן. די געזונטע ריוואַליזאציע צווישן די בריגאדעם פארשנעלערט דעם פּראָצעס פון אויפבוי. אויפן פלאַץ פון דריי־קרייצן, בויט זיך, לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק, דאָס מיניסטעריום פאר אינדוסטריע און האנדל, אויף כאלובינסקע־גאַס — דארף פארטיק ווערן דאָס קאָמוניקאציע־מיניסטעריום. ס'ווערן געפירט בוי־ארבעטן אין די געביידעס פון פּאָלי־טעכניקום, אוניווערזיטעט, לאַנדווירטשאפט־שול, קונסט־אַקאַדעמיע און פיל אנדערע. ס'האַלטן שוין ביים פארענדיקט ווערן די אַרבעטן פון דעם פּאָלקס־מוזיי, די באַרימטע וואַרשעווער פילהארמאָניע אויף יאסנע־גאַס, הויבט זיך אויף פון די חורבות. עס גייט אָן א ריזיקע בויונג פון דער הויפּט־פּאָסט, שפּאָר־קאסע (פּקאָ), האָטעלן, טעאטערס, קינאָס און א ריי אויסלענדישע אמבאסאדעס.

דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פּלאנירט צו פארענדיקן א ריי פּאָלקס־פאַר־און מיטל־שולן. די גרעסטע צאָל שטאָטישע שפּיטאָלן זיינען שוין צוריק אויפגעבויט און די צאָל קראנקן־בעטלעך דערגייען צו דער פארמלחמה־דיקער נאָרמע. צו די פונדאמענטאלע אַרבעטן געהערן: די גרעסטע אין פּוילן פּאָליגראפישע אונטערנעמונג „הויז פון פּוילישן וואָרט", הויפּט־וואָקזאל, יונגנט־פּאלאַץ, אוניווערזיטעט־שטעטל, פאבריקן. די גרעסטע קאפּיטאלע בויונג, איז די מזרח־מערב־ארטעריע, וואָס וועט פאראייניקןביידע ווייטסטע עקן שטאָט.

## דאַס קולטור־געזעלשאפטלעכע לעבן אויף נייע וועגן

פּאראלעל מיט דער גיגאנטישער אויפבוי־ארבעט, פּולסירט האסטיק דאָס וואַרשעוער לעבן. די גאסן זיינען איבערפולט מיט מענטשן, וועלכע איילן זיך צו דער ארבעט. די טראַמווייען און אויטאָבוסן זיינען געפּאקט. דער גרעסטער טייל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג ארבעט. הגם די שטאָט האָט פאַרלוירן איר ברייט־פארצווייגטע גרויס־און שווער־אינדוסטריע, זיינען די ארבעטער באַשעפטיקט אין דער לייכט־אינדוסטריע, האַנטווערקעריי, קליינהאנדל, קאָאָפּעראציע, קאָמונאלע־און ווירטשאפטס־אינסטיטוציעס, מיניסטעריומס און פּריוואטע אונטערנעמונגען.

## דער ראטנפארבאנד גיט ממשותדיקע הילף

די ערשטע ממשותדיקע הילף מצד אויסלענדישע מלוכות פאר אויפבויען וואַרשע, האָט געגעבן דער ראַטנפאַרבאַנד. אין דער צייט ווען לאָנדאָן און וואשינגטאָן האָבן בלויז אויסגעדריקט מיטלייד דער אומגליקלעכער שטאָט, האָבן אונזערע ברידער פון ראטנפאַרבאנד געשיקט די ערשטע 700 סטאנדאַרט־הייזער. ביי דער מיטהילף פון סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די עלעקטראָ־סטאנציע, באַן־קנופּ. די ערשטע קאָמוניקאציע־מיטלען פון 30 טראַלעבוסן האָבן מיר באקומען פון מאָסקווער אויטאָ־פּארק. „א פריינט דערקענט מען אין א נויט" — זאָגט א שפּריכוואָרט.

אין וואַרשע דערשיינען א צענדליק פרי־מאָרגן־צייטונגען און דריי נאָכמיטאָג־אויסגאַבעס. די באַפעלקערונג לייענט גערן די פּרעסע. דעם גרעסטן דערפאָלג און העכסטן טיראַזש האָבן די אָוונט־בלעטער, וועלכע ווערן דורך די מאסן אממערסטן געלייענט.

דאָ לערנט זיך די יוגנט א פאַך
הויז פון דער געז. „אָרט" אין וואַרשע



איבער די הונדערטער קיאָסקן זיינען צעהאָנגען צענדליקער טאָג־און וואָכן־אויסגאבעס, ליטעראַרישע, פּראָפעסיאָנעלע און יוגנט־צייטשריפטן, זשורנאלן, בראָשורן. אלע עקזיסטירנדיקע פּארטייען פירן א לעבהאַפטע טעטיקייט. האָבן זייער אייגענע פּרעסע. א גרויסע צאָל ביבליאָטעקן באַדינען די באַפעלקערונג מיט ביכער. די 4 הויפּט־פאַרלאַגן, פארשיטן דעם מארק מיט צענדליקער טויזנטער אויסגאבעס אויף אלע געביטן פון שאפן: בעלעטריסטיק, וויסנשאַפט, געשיכטע, לערן־ביכער, טעכניק א.א. דער אינטערעס און דורשט נאָך וויסן איז געוואלטיק געוואקסן. גאנצע אויפלאַגעס ווערן שנעל צעכאַפּט און געקויפט דורך דער באַפעלקערונג. אדאנק דער פּאָלקס־מלוכה — האָט זיך אין וואַרשע פונאַנדערגעבליט אַן אייגנאַרטיק, פילפארביק קולטור־לעבן, פון וועלכע ס'גענים מיט א ברייטער האנט אין דער ערשטער ריי די ארבעטער און פּאָלקס־מאַסן.

ביסלעכווייז ווערן צוריק אויפגעבויט די פארוויילונגס־פּלעצער. קינאָס, טעאטערס, מוזייען, שולן און פיל אנדערע קולטור־און קונסט־אנשטאלטן.

## מיר האַבן געזיגט אין קאמף — מיר וועלן זיגן אין אויפבוי

דער אויפבוי און ווידעראויפבוי פון דער הויפּט־שטאָט, איז אויסגערעכנט אויף 18 יאָר. דער ביז־איצטיקער טעמפּאָ און פאַרנעם פון דעם גראנדיעזן אויפריכטונגס־פּראָצעס לאָזט אָבער גלויבן, אז די דאָזיקע צייט וועט פיל פארקלענערט ווערן. דאָס גאנצע פּאָלק איז אריינגעטאָן מיט לייב און לעבן און קארגט נישט קיין מי און קיין ענערגיע ביים אויפשטעלן די העלדישע שטאָט — וואַרשע, דאָס האַרץ פון דער פּוילישער · פּאָלקס־דעמאָקראַטישער מלוכה. מאכן זי נאָך גרעסער און שענער ווי זי איז געווען, איז געוואָרן די אמביציע פון די ארבעטער־און פּאָלקס־מאסן.

אזא ראַשיקער אויפבוי איז נאָר מעגלעך ביי א גרויסער אָנשטרענגונג פון דער גאנצער באַפעלקערונג, וואָס ווייזט ארויס איבערגעבנקייט, פּאַטריאָטיזם און ענטוזיאזם צום אייגענעם לאַנד.

דער אויפבוי פון וואַרשע באַווייזט, אז אויך אָן „מאַרשאל־פּלענער" קאָן מען דערפאָלגרייך בויען א לאַנד און א גליקלעכע צוקונפט פאר איר באַפעלקערונג.

דער פלאַץ פון „אוניא לובעלסקא" היינט





ז. פישל

# אייניק איז אונזער טראַט

יעדעס יאָר, מיטן אָנקום פון פרילינג, דער וועקן זיך אויפסניי אַלע שענסטע באַגערן און איידלסטע געפילן. די ערשטע פרילינגס־טעג — דאָס זיינען די שענסטע טעג אין יאָר. דער־פאַר זיינען טאַקע די ערשטע טעג, די וואָך פון 21—28 מערץ פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער וועלט־פעדעראַציע פון דעמאָקראַטישער יוגנט אַלס יוגנט־וואָך.

ס'ערשטע מאָל איז די וואָך געפייערט געוואָרן אין 1943. דאַן, ווען אין די גרויזאַמע מלחמה יאָרן, האָט זיך ווי אַ זונען־שטראַל אַדורכגע־ריסן דורך דער פינצטערער נאַכט פון מלחמה־קאָשמאַר איבער גרענעצן און אָקעאַנען, אי־בער פראָנטן און פאַרטיזאַנער־וועלדער דער רוף צו קאַמף און אייניקייט פון דער גאַנצער יוגנט, אָן אונטערשיד פון הויט־קאָליר, ראַסע און נאַציע.

אָבער דעם ריכטיקן פאַרנעם דערגרייכט די וועלט־פעדעראַציע פון דער דעמ. יוגנט נאָך דער מלחמה. דער צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן אין 1945 און דער פעסטיוואַל אין פּראָג אין 1947 — דאָס זיינען גראַנדיעזע מאַניפעסטאַ־ציעס, עטאַפּן פון פאָרויסמאַרש פון דער גע־אייניקטער קעמפערישער וועלט־מחנה פאַר שלום און פרייהייט.

זעלטן ווען אַן אָרגאַניזאַציע זאָל וואַקסן אַזוי שנעל, מיט אַזאַ גראַנדיעזן אימפּעט, ווי ס'איז געוואַקסן די וועלט־פעדעראַציע פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט. שוין עטלעכע יאָר נאָך איר אַנטשטייונג, טראָגן די פּרוּוון זי צו צע־ברעכן. נעמט זי אַרום 50 מיליאָן יוגנטלעכע פון 71 לענדער.

אין וואָס באַשטייט דער צויבער פון אָט דער ניי געשאַפענער יוגנט־אָרגאַניזאַציע?

אין יולי 1947, בעת דער דערעפענונג פון פעסטיוואַל צעטראָגט זיך דורך ראַדיאָ און פּרעסע אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווו ס'אָטעמט און צאַפּלט אַ יוגנט־האַרץ דער פּלאַ־מיקער רוף צו דער יוגנט פון דער גאָרער וועלט:

„מיר שווערן, אַז מיר וועלן איצט און שטענדיק זיין איבערגעגעבענע קעמפער פאַר פרידן, אַז מיר וועלן נישט רוען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מיר וועלן זיך נישט דערשלאָגן צו אַ גערעכטן, דעמאָקראַטישן שלום, ביז די לעצ־טע רעשטלעך פון פאַשיזם וועלן נישט ווערן פאַרניכטעט, ביז אַלע מענטשן וועלן נישט לעבן מיט אַ פריי, גליקלעך לעבן".

„ווו מיר זאָלן נישט זיין, ווער מיר זאָלן נישט זיין, וואָס פאַרא קאָליר הויט מיר זאָלן נישט האָבן, שווערן מיר נישט אַוועקלייגן די הענט, ביז יעדער, וואָס וויל באַקומען אַרבעט, וועט זי באַקומען. ביז די טויערן פון די אוני־ווערזיטעטן און שולן וועלן נישט זיין אָפן פאַר אַלע, ביז אַלע יוגנט־נויטן וועלן נישט ווערן געלייזט".

„לאָמיר שווערן כסדר פאַרשטאַרקן אונזער אייניקייט, חברישקייט און ברידערלעכקייט"!

„יוגנט, פאַראייניקט אייך! פאָרויס פאַר אַן אייביקן שלום!"

גראַנדיעזע ווערטער! ווערטער, וואָס דרינ־גען אַריין אין האַרצן, וואָס מונטערן און רופן, וואָס אָטעמען מיט דער אומבאַזיגבאַרער קראַפט פון מענטשן־פריינטשאַפט, פון אַ נייער, גליק־לעכער וועלט!

אָט די פּשוטע, אָבער דערהויבנסטע מענטשלעכע אידעאַלן מאָביליזירן די יוגנט אין אַלע לענדער: צום קאַמף פאַר יוגנט־רעכט — אונטער טיראַנישער מאַכט, צו אויפבוי און אַרבעט — אין די לענדער פון זיגרייכער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער פאָלקס באַוועגונג.

*

היי־יאָר ווערט די יוגנט־וואָך געפייערט אין אַ סיטואַציע, ווען ס'פאַרגרעסערן זיך אומאויפ־הערלעך די דעמאָקראַטישע כוחות און ס'פאַר־



שטאַרקט זיך גלייכצייטיק דער אָנגריף פון דער רעאַקציע, וועלכע פילט, ווי דער באָדן גליטשט זיך איר אַוועק פון אונטער די פיס.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'פאַרבעסערט זיך פון טאָג צו טאָג די לאַגע אין ר.פ., טראָגן די אומגעהויערע פאַרלוסטן פון קריג; ווען די פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונגען פירן מיט שנעלע סיסטעמאַטישע טריט זייערע פעלקער צום גליקלעכן מאָרגן; ווען ס'אייניקט זיך אַלץ מער און מער דער אַרבעטער־קלאַס, שליסנדיק ענגער די רייען קעגן יעדן אָנגריף: ליידט די רעאַקציע איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. הגם די מלחמה האָט די לענדער פון אימפּעריאַ־ליסטישן לאַגער אַמווינציגסטן אָנגערירט, איז אָבער נישטאָ קיין איין לאַנד, ווו די לאַגע זאָל נישט ווערן פון טאָג צו טאָג ערגער, ווו ס'זאָל נישט שטייגן דער יקרות, זיך פאַרגרעסערן די אַרבעטסלאָזיקייט, הענגען אין דער לופט דאָס געשפּענסט פון אָנרייפנדיקן קריזיס.

און ווידעראַמאָל וויל די רעאַקציע ראַטע־ווען איר אונטערגאַנג דורך אַריינוואַרפן די וועלט אין אַ פרישער בלוט־באָד.

די רעאַקציע פון אַלע לענדער ווערט מאָבי־ליזירט צום קאַמף קעגן זייערע אייגענע פעל־קער. די פאַשיסטישע כוחות פון איטאַליע ווערן ווידער אָרגאַניזירט און מאָביליזירט; צום קאַמף קעגן אַ פריי, אומאָפּהענגיק פאַלעסטינע ווערן מאָביליזירט אַלע שוואַרצסטע כוחות פון די אַראַבער און אינטערנאַציאָנאַלע „שוואַרצע סאָטניע". ס'ווערט מיט אַ ברייטער האַנט אונ־טערגעהאַלטן און געשטיצט גענ. פראַנקאָ, דער בעסטער פאַרבינדעטער פון היטלערן, ווי אויך די תלינים פון גריכישן און כינעזישן פאָלק.

אָבער ס'איז דאָך קלאָר, אַז נישט דאָס הייפל פאַרקויפטע נשמות פון די אַלע לענ־דער וועלן ראַטעווען אַמעריקע. ווען זי וועט זיך ראַנגלען אין די שוועריקייטן פון קריזיס, וועלכע שטייט ביי איר שוועל; נישט זיי וועלן ליקווידירן די מחנה אַרבעטסלאָזע, וואָס וואַקסט אָן צו אַ גרויזאַמער אַרמיי; נישט זיי וועלן ראַטעווען דעם פוילנדיקן אימפּעריאַליזם.

דערפאַר מאַכט עס די רעאַקציע פאַרצווייפלטע פּרוּוון צו שפּאַלטן די אַרבעטער־באַוועגונג, דעמאָראַליזירן פעלקער דורך „געבן זיי הילף", שאַפן אַ פּאַנישע מלחמה־שטימונג. וואָס דאַרף אָנשרעקן מענטשן מיט אַ שוואַכן מוט.

אַנטקעגן דעם הייפל אונטערצינדער שטייט גרייט אַ מעכטיקער כוח פון צענדליקער מיל־יאָנען געאייניקטע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. אַ געאייניקטער פראָנט פון פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער מיטן מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד אין דער שפּיץ, וועלכער האָט נישט בלויז שיינע אידעאַלן, נאָר אויך גענוג כוח צונישט צו מאַכן אַלע פּרוּוון פון קריג.

דערפאַר איז דער ראַטנפאַרבאַנד אַזוי רויק. ווען די וועלט־אונטערצינדער צעפלאַקערן אַ מלחמה־אַגיטאַציע, ווען זיי פּרוּוון אַלע פריי־הייטס־ליבנדיקע פעלקער שאַנטאַזשירן מיט קריג, פאַרגרעסערנדיק זייערע קריגס־בודזשע־טן, ענטפערט דער ראַטנפאַרבאַנד מיט רויקער אויפבוי־אַרבעט, מיט דעמאָביליזאַציע פון די טיילן, וואָס זיינען נאָך ביז היינט אין דער אַרמיי.

דערפאַר דערקלערט אויף אַ יוגנט־מיטינג אין יוגאָסלאַוויע דער מאַרשאַל טיטאָ רויק און זיכער: „חברים יוגנטלעכע, בויט אַזוי ווי איר וואָלט געהאַט פאַר זיך 2000 יאָר שלום".

דערפאַר שטעלט זיך די גאַנצע יוגנט פון פוילן מיט ענטוזיאַזם צום אויפבוי־ווערק אין די געאייניקטע רייען פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע „דינסט פאַר פוילן".

צוזאַמען מיט דער גאַנצער יוגנט שפּאַנט דאָס יאָר אויך די יידישע יוגנט און פון די גע־שלאָסענע קאַמפס־רייען וועלן זיך צעקלינגען איבער דער גאָרער וועלט די ווערטער פון פרידנס־מאַרש:

יאָרן פון גרויל פאַרגייען!...
אויף דר'ערד און אויף די ימען
פריידיק מיר שפּאַנען
פאָרויס צום פרידן
אייניק איז אונזער טראָט.

ס'איז נישטאָ דער כוח, וואָס זאָל זיך קאָ־נען אַנטקעגנשטעלן אָט דער אָרגאַניזירטער פרייהייטס־מחנה.

דר׳ דוד ספארד



# חורבות דערציילן...

## פון ב. מארק

צי זיינען הונדערט פּראָצענטיק פעסטגעשטעלטע פאַקטן שוין אמתע געשיכטע?

צי איז בכלל מעגלעך אין אַלע פאַלן פעסט צושטעלן הונדערט פּראָצענטיק געשיכטלעכע פאַקטן? דאָס זיינען פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו דער טעמע פון אונזער איצטיקער קליינער אָפּהאַנדלונג וועגן ב. מארקס בוך „חורבות דערציילן“... אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז איין זאַך קלאָר אַז די אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטלעכע פאַקטן און אפילו דער אופן און די אָרדענונג פון זייער גרופּירן האָט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דעם בילד, וואָס מיר קאָנען זיך שאַפן וועגן דער אָדער יענער צייט.

שוין פון סאַמע אויבערפלעכלעכסטן באַקענען זיך מיט ב. מארקס „חורבות דערציילן...“ איז צו זען, אַז דעם מחבר איז נישט געגאַנגען אַזוי ווייט צו שאַפן אַ בוך פון עקזאַקטער געשיכטע,״ ווי צו געבן אין אַ האַלב בעלעטריזירטער, האַלב פּובליציסטישער פאָרם אַ סינטעטיש בילד, וואָס זאָל אָפּגעבן סיי די אַטמאָספער, סיי די שטימונג פון יענער גרוילִקער צייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין דער געוועזענער מעטראָפּאָליע פון יידישער קולטור און יידישן גייסט. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, איז דעם מחבר געגאַנגען בולטער צו מאַכן געוויסע וועזנטלעכע ריכט־ליניעס, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער אינערלעכער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער איינשטעלונג פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן, אַן איינשטעלונג, וואָס דאַרף האָבן און האָט ווירקלעך אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער געשטאַלטיקונג פון אונזער לעבן אין איצטיקן פּעריאָד. און, דריטנס, האָט ב. מארק געזוכט אין דעם בוך צו געבן אַן אָביעקטיווע באַגרינדונג דער אינטואיטיווער פאָרשטעלונג פון יעדן ייד וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, נישט בלויז ווי וועגן עפּעס אַ זאַך פון אַן ענגן קרייז פון אויסדערוויילטע יחידים, נאָר ווי וועגן אַ באַוועגונג. וועלכע איז געקומען קאָנקרעט צום אויסדרוק אין מעשים פון גאַנצן עלנטן רעשט כמעט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו יענער צייט פון גרויסן יידישן קיבוץ אין וואַרשע.

די דאָזיקע דריי מאָמענטן, אויף וועלכע עס איז בעיקר געבויט דאָס בוך, באַמיט זיך ב. מארק אַרויסהייבן אין זייער אינערלעכער באַהעפטונג און אין זייער געשיכטלעכן קלימאַט אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך אַליין דערפילן ווי מיטבאַטייליקטע. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס טראָגט אין זיך גאַנץ בולטע שטריכן פון בעלעטריסטישן אייגנאַרט, כאָטש אין גרונט גענומען אין די טעמע פון אַן אויסגעשפּראָכן געזעלשאַפטלעכן, נאַציאָנאַלן דערציערישן כאַראַקטער.

ב. מארק האָט זיך אין „חורבות דערציילן“ אַזאַ אויפגאַבע געשטעלט. צי האָט ער זי דערגרייכט?

שוין פון די ערשטע קאַפּיטלען, אין וועלכע ב. מארק דערציילט וועגן דער ערשטער



צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, וועגן די גרויל־בילדער אין געטאָ, וועגן די פאַרשיידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע דעמאָלטיקע דערשיינונגען, קומט אויף אַ בולטע און לעבעדיקע שילדערונג, וועלכע דערגייט צו אונז און טראָגט אונז איבער אין יענער אַטמאָספער. ב. מארק דערגרייכט דאָס אַ דאַנק דעם אינערלעכן וואַרעמען אָטעם, מיט וועלכן די שילדערונג איז דורכגעדרונגען, ווי אויך צוליב דעם, גוט־פאַרשטאַנענעם און וואַרשיינלעכן אָפּקלייב פון פאַקטן און געהעריקן גרופּירן זיי. נישט בלויז וואָס עס קומט אויף אַן אַטמאָספער פון גלויבן און וואָרהאַפטיקייט, נאָר עס קומט אויף אַ ספּעציפישע אייגנהייטלעכע שטימונג, וועלכע באַווירקט אונז איבערלעבן פונסניי יענע צייט. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען, וועלכע שילדערן ברייט די מאָמענטן פון ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד, ווי אויך די אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען מיט זיי פאַרבונדן, ווערט דער אונטערטאָן פון דער שילדערונג נאָך מער ליידנשאַפטלעכער און צעגליטער, צעשמעלצנדיק די צייט, וועלכע טיילט אונז אָפּ פון יענע טעג. נישט אָפּגעבנדיק זיך אַליין קיין רעכענונג דערפון, הערן מיר ווי אויף צו באַנעמען דאָס געלייענטע, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס קומט פאָר דרויסן פון אונז, אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אַנדער אָרט. עס פאַרשווינדט יעדע מחיצה צווישן אונז און דעם בוך, און מיר באַהעפטן זיך דירעקט מיט די געשעענישן. דאָ ווירקט אומבאַדינגט אונזער סוביעקטיווע באַציונג צו דער טעמע, אָבער אין אַ גרויסער מאָס אויך דער סוגעסטיווער אופן פון דערציילן, די טעמפּעראַטור פון וואָרט און בילד.

די דאָזיקע פאָרמעלע ווערטן פון בוך דערפירן נאַטירלעך צו קוואַליטאַטיווע רעזולטאַטן פון ערשטקלאַסיקן באַדייט. מיר הערן אויף צו זען די אחדות פון דער יידישער געזעלשאַפט, ווי אַ פּועל־יוצא פון געדאַנקלעכער צוועקמעסיקייט, נאָר ווי אַ נויטווענדיקן פּראָדוקט פון אַן אייגנהייטלעכן קאַמפּס־גייסט, וועלכער איז אויפגעקומען פון די טיפענישן פון אַ פאָלק. דעמגלייכן הויבן מיר אָן צו זען די עקזיסטענץ פון די פאַרשידענע פּאַרטיידיקונג־ און קאַמפּס־גרופּן אויסער די ראַמען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי אַ נאַטירלעכע און גלויבנסווירדיקע דערשיינונג, ווי דער אויסדרוק פון אַ טיפער פאָלקס־איבערלעבונג, וועלכע מינערט לגמרי נישט די ווערט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גופא, נאָר פאַרקערט, שטרייכט אונטער איר היסטאָרישע נויטווענדיקייט און במילא איר פאָלקס־כאַראַקטער און נאַציאָנאַלן באַדייט. די אויטענטישקייט פון אַזעלכע גרופּן ווערט אין דעם בוך באַגרינדעט דורך סיבות פון קליינבירגערלעך־אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער, אָבער אויך דורך סיבות פון גאָר וויכטיקן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן באַדייט. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע ספּעציעל. אין געגעבענעם פאַל איז פאַר אונז וויכטיק בלויז דאָס, וואָס ב. מארקן גיט זיך איין דורך דעם אויפדעקן און אַרויספירן די אַלע פּאַרטיידיקונגס־ און קאַמפּס־גרופּן צו שאַפן די אייגנהייטלעכע שטימונג פון נאַציאָנאַלן אויפברויז און אויפהייבן דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ צו דער הייך, וועלכע עס האָט צומאָל נישט געקאָנט באַווירקן דער אָדער יענער איינצלנער קעמפער, פון זיין אָפּגעריסענער קאַמפּס־פּאָזיציע.

דאָס געהער בלתי־ספק צו איינעם פון די הויפּט־פאַרדינסטן פון „חורבות דערציילן“.

פאַרשטענדלעך, אַז ווי אַן ערשט ווערק, וואָס וויל געבן אַן אַלגעמיין בילד, נישט בלויז פון אויפשטאַנד, נאָר אויך פון גאַנצן יידישן לעבן אין וואַרשע אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, פאַרמאָגט דאָס בוך אַ גאַנצע ריי אומפּינקטלעכקייטן, סיי אין דער איבערגעבונג פון פּרטים, סיי אין דער פאָרמולירונג פון געוויסע ספּעציפישע פאַר יענער צייט געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. דער נישט גענוגנדיקער געשיכטלעכער דאָקומענטן־מאַטעריאַל צו דער צייט ווען ב. מארק האָט געשריבן זיין בוך האָט גורם געווען נישט בלויז איבערצושטעלן אין צייט און אין אָרט פיל פאַקטן, און טיילמאָל אַפילו צו פאַרווישן די גרענעצן צווישן וואָר און לעגענדע, נאָר צייטנווייז אויך נישט גענוג אונטערצושטרייכן וועזנטלעכע דערשיינונגען פון אַ וויכטיקן באַדייט נישט בלויז פאַרן פאַרשטיין די אינערלעכע באַוועג־קראַפט פון אויפשטאַנד, נאָר אויך, כדי קלאָר און בולט צו זען זיינע טיפע באַווירקונגען אויף אונזער היינטיקן לעבן. אַזוי האָט ב. מארק ביי זיין גאַנצן ריכטיקן איבערגעבן די ראָל און די וואָג פון די פּפרישע גרופּן אין די קאַמפּן, סיי פון די, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, סיי פון די, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער איר, דאָך נישט באַוויזן, טאַקע אויס מאַנגל אין מאַטעריאַל צו יענער צייט, אַרויסצוהייבן ווי אַ פאַראַלגעמיינערט בילד

# ט. שולשטיין און ב. שלעווין צוגאַסט אין פוילן



## משה שולשטיין

# דער באַפרייער

אייראָפּעס טרויער־שלייערן — די דראַטן-נעצן, צאַמען,
מיר זיינען הינטער זיי געזונקען ווי אין טיפע תהומען,
נאָר אין דער טיף האָט אויפגעשיינט א שטראַל, א ליכט — זיין נאָמען.

מיר האָבן אויפגעכאַפּט געהיים דעם פונק פון אַפּאַראַטן, —
געהערט פון ווייט זיין זיג־באַפעל — דעם גאַנג פון זיינע טאַטן,
און ס'איז זיין נאָמען נאָנט געווען אונז, ווי פון א טאַטן.

ס'פארנעמען אויפן קרעמל יעדע נאַכט די הויכע שטערן
דעם ערן־זאַלפּ צום זיג פון זיינע מעכטיקע געווערן.
אים פלעגט מען ווי דעם שופר של משיח דערמאָלט הערן.

ארמייען: רוסן, אוקראינער, יידן און קאַרעיער,
פאַרויס די פליער, רייטער, פּאַרער, קלעטערער און גייער,
און ס'פירט זיי דער אלמעכטיקער, דער ערשטער רויטארמייער...

געגאַנגען איז דער ווייסער צפון און דער מילדער דרום,
און מיט זיין שווערד האָט ער און מיט זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם
ארויסגעצויגן אונז פון היילן און פון בונקער־קברים.

געזאָלט שוין האָבן בליענדיקע פעלדער זיין מדברות,
די נאַכט זאָל אייביק דויערן אויף זיי, ווי די אכזריות,
ווו ס'איינציק־בלויזע ליכט זאָל זיין — די שיין פון קרעמאַטאָריעס;

געזאָלט שוין האָט די פינצטערניש פארשפּרייט זיין טויזנטיאָריק;
דורך איר זאָל גיין אויפסניי דער מענטש פאַרוואַקסן־ווילד און האָריק,
נאָר דורכגעשניטן האָט דער נאַכט דאָס מאָסקווע־ליכט — קאַיאָריק.

געזאָלט האָט אייביק רויכערן די ערד מיט מענטשן-קטורת,
ווו אויפגעשטעלט זאָל זיין דער גאַנג פון יאָרן און פון דורות,
נאָר ס'טראָגט אויפסניי זיין האַנט פון פעלקער־שטאַמען די מסורות.

שטאָט מענטשן־רויך האָט ער געבראַכט דעם רויך אין קאַטע־קוימען,
און אומגעקערט אין מיידל־האַרץ האָט ער די ליבע־טרוימען,
און ווי א פאָטער — אָפּגעווישט די טרערן פון יתומים.

שטאָט מענטשן־בלוט — אויפסניי די ריינע, קלאָרע קוואַלן שטראָמען,
שטאָט ביינער — האָט ער אומגעקערט צוריק צום פעלד די זאַמען.
די פייגל זינגען אויס צו אים — א לויב זיין ליבן נאָמען.
עס וועלן זילבערדיק זיין רום באַשטערנען פּלאַנעטן,

און שיטן וועט די זון איר גאָלד אויף זיינע עפּאָלעטן
און אים, ווי אָרדערס, צושפּיליען די הערצער פון פּאָעטן.
נאָוועמבער 1945 י.

## ב. שלעווין

# האנרי

„פון בוך „די יידן פון בעלוויל"



האַנרי האָט ווידער געשטעקט אויף די הויכע אָפּריסן, צווישן די בלינדע, פינצטערע געסעלעך פון בעלוויל. אין יענעם פינצטערן פאַרטאָג — ס'איז געווען סוף יאַנואַר — האָט ער קוים דערצויגן די נאַכט, ביז צו דער ערשטער מעטראָ, איז ארונטער און האָט זיך מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט אויסגעמישט מיטן עולם. ביים אויסשטייג אויפן אָפּערע־פּלאַץ, איז ער נאָכגעגאַנגען די צוויי סילועטן, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט. אין פינצטערן נעפּל פון פאַרטאָג, איז קיין איין פּייערל נישט געווען צו זען. ער האָט אָבער געוווסט, אז ערגעץ דאָ באַלד, אים אנטקעגן, לאָזן זיך אראָפּ די פינצטערע ווענט פון דער אויסגעלאָשענער אָפּערע־געביידע; דער פּאַסאַד, די זיילן און די ברייטע טרעפּן, וועלכע ער האָט צוריק מיט עטלעכע טעג באַטרעטן צוזאַמען מיט בערטן. ער האָט נישט געוואָלט געדענקען און דאָך האָט זיך עס אים פארגעדענקט. דער העלער, ווינטערדיקער נאָכמיטאָג, די קילבלעכע זון הינטער דער נאַקעטער ביימער־וואַנט. די שאַרפע לופט האָט געהאַט אָנגעפּראָסטיקט אירע באַקן און איינגאַנצן איז זי געווען אַזוי ווי א שוועבנדיקע. אזוי זעלטן ווי ער האָט זי געזען, איז אים מאָדנע א שאָד געווען צו קוקן אויף איר. ס'איז אַלץ געווען אויסגעפילט מיט דער נאָרדישער, קאַלטער און פייערלעכער וואַגנערישער מוזיק, אין וועלכער אויך בערט האָט זיך עפּעס מיטגעפּלאָנטערט.

— דו האָסט מיך אזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן און — ווער ווייסט, ווען מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען! — האָט ער געהערט איר שטים, ווי פון ווייט.

און ער האָט זיך נאָך לאַכנדיק געענטפערט:

—אינגיכן וועלן מיר פריי אַרומשפּאַצירן איבער אַט די בולוואַרן און דערמאָנען זיך אין יענע שיינע טעג און אָוונטן אין די „אָבערזשן". געדענקסטו?

— ביסט עפּעס אמאָל געווען אַן אומעטיקער — האָט זי אים געשמיסן מיט דער הענטשקע; אָבער זיין בליק האָט שוין געבלאָנדזשעט ערגעץ אויבן, ביי די לאָזשעס, ווו ס'האָט אין דעמערדיקן האַלב־טונקל פון אָפּערע־זאַל ארויסגעקוקט א פעטער קאַרק און עפּאָלעטן; זי האָט נישט געוווסט, די אָרעמע, נאָכוואָס ער האָט זי דאַסמאָל איינגעלאַדן אין דער אָפּערע צו גיין הערן די וואַגנערישע מוזיק. „ס'איז נויטיק — האָט מען אים געזאָגט — זאָלסט אים כאָטש איינמאָל אָנקוקן, זען דעם פּראָפיל זיינעם. מיט סאָלדאַטישער פּינקטלעכקייט גייט ער יעדן אינדערפרי האַלב אַכט ארונטער די שטיגן פון האָטעל און לאָזט זיך גיין אין דער ביוראָ אריין".

איצט איז ער געגאַנגען אויפן זעלבן טראָטואַר. לויטן זייגער אין דער מעטראָ, האָט ער אויסגערעכנט דעם פאַמעלעכן גאַנג אויף גענויע פינף מינוט. דעם סיגאַרעט האָט ער באַדאַרפט אָנצוצינדן אן ערך צען מעטער פאַר די שטיגן צום ארויפגאַנג, כדי עס זאָלן קיין שום סיורפּריזן נישט זיין. אָט אזוי איז געווען אויסגערעכנט די באַוועגונג: דערזעענדיק דעם באַקאַנטן סילועט, אָנבויגן זיך לייכט און מיטן סיגאַרעט אָנצינדן דעם קנויט; און ווען ער וועט אויפפלאַמען, א וואָרף טון אים ביי די פיס און, נישט אומקוקנדיק זיך, לאָזן זיך גיין צו דער מעטראָ, אויסצומישן זיך מיטן שטראָם ביי די איינגענג.

ער האָט נאָך באַוויזן צו דערזען דעם פעטן קאַרק, די עפּאָלעטן און די צוויי הויכע וואַכלייט, ווי אויסגעגאָסענע, וואָס האָבן גענומען גיין אויף אים. אָבער פונם זייטן־געסל, אהינטער זיי, האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, באַלד נאָכן טויבן אָפּהילך, עטלעכע קורצע, הייזעריקע רעוואָלווער שאָסן, א קליינער גראַנאַט, א טויב פאַלן און נאָך איין שאָס. דער הייסער נעפּל ארום אים איז נאָך געדיכטער געוואָרן, געקראָכן אין האַלז אריין.

(סוף אויף זייט 22)

מהנ"ה שמידער, בויער פון נייעם פוילישן מארגן.

און וויי וועט זיין צו די, וואס וועלן וואגן צו צעשמעטערן דאס, וואס דער יונגער דור גייט מיט אזא אימפעט און אפפערוויליקייט בויען. דאס וועלן זיין בויערס, וואס קאנען נישט בלויז בויען, נאר אויך פארטיידיקן דאס אויפגעבויטע.

פוילן איז געווארן א מאמע פאר איר יוגנט. ווי ווייט איז ס'היינטיקע פוילן פון יענעם, אין וועלכן דער יונגער פויער שרייבט וועגן זיך: „כ'בין אלט 19 יאר, כ'בין געזונט, כ'וויל ארבעטן, אבער קיינער נויטיקט זיך נישט אין מיינע הענט"; פון יונגן ארבעטער, וועלכער קלאגט זיך: „אזוי איז שוין מיין גורל: ארבעטסלאזיקייט, הונגער ,תפיסות"...!

פוילן איז געווארן א מאמע פאר אירע ביינער אן אויסנאם. נישטא שוין מער קיין אונטערשיד פארן ייד. ס'איז פארן יידישן יוגנטלעכן, ווי פארן פוילישן אפן יעדעס געביט פון מענטשלעכן לעבן, ארבעט און וויסן. ווי אויסגעהונגערטע האט די יידישע יוגנט זיך געווארפן אויף בילדונג. עפעס אזוי, ווי זיי וואלטן זיך געוואלט אפנעמען פאר פארלוירענע דורות! די גאנצע יידישע יוגנט לערנט זיך: ס'לערנען זיך סטודענטן, ס'לערנען זיך שילער, ס'לערנען זיך ארבעטער; אין די אוניווערזיטעטן, שולן, אוונט־קורסן, פאך־קורסן. פאר דער יידישער יוגנט האט די וועלט, וואס איז געווען דורות־לאנג פארמאכט, זיך אויפגעפראלט אין דער גאנצער ברייט. דער טרוים פון די לעקערטס, באטווינס, ענגעלס, אניעלעוויטשעס און צענדליקער אנדערע, וואס האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן פאר מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאציאנאלע רעכט פאר יידן, איז אין נייעם פוילן געווארן דערגרייכט.

איז דען דעריבער א וואונדער, וואס אין דער צייט, ווען די נייע פוילישע רעפובליק שטייט פאר איר פראבע, בעת דעם רעפערענדום און וואלן, ווארפט זיך די גאנצע יידישע יוגנט ווי איין מחנה אין אקטיוון קאמף פארן פולן זיג פון דער דעמאקראטיע! ווייט אין הינטערגרונט ווערן פארוקט אלע חלוקי־דעות, וואס זיינען דא ביי דער יוגנט פון פארשידענער פאליטישער איבערצייגונג, ווען ס'האנדלט זיך אין טרוימף פון נייעם פוילן.

אי דען א וואונדער, וואס ס'האט זיך אינגאנצן געענדערט ביי דער יידישער יוגנט די באציונג צו ארבעט. ווען ס'האנדלט זיך וועגן אויפבוי פון ווארשע שטעלן זיך פרייוויליק אויפן רוף פון דער יוגנט־אפטיילונג ביים צ.ק., יוגנטלעכע פון גאנצן לאנד, וואס באווייזן מיבטערן פון ארבעט; ווען מ'דארף אפרייניקן ווראצלאוו פון די חורבות, מארשירט ארוים צוזאמען מיט דער גאנצער יוגנט אויך א יידישע בריגאדע מיט געזאנג און לעבנסלוסט; ווען ס'פילט זיך א דורכרייס ביים שניט, לויפט שנעל א יידישע יוגנט־בריגאדע פון שטשעטשין אויפן דארף; יידישע יוגנט באווייזט מוסטערן פון ארבעט אויף די טעקסטיל־און מעטאל־פאבריקן, אין די קוילן־גרובן. ווער קאן עס נישט אין ביאלי־קאמיען און ווייט אויסער ביאלי־קאמיען די יידישע יוגנטלעכע קוילנגרעבער אבערפערשט, וויינטרויב און וואכמאן, וועלכע פירן אויס זייער נארמע איבער 150 פראצ., כאטש נישט זייער טאטע און נישט זייער זיידע האבן צומאל געוווסט, וויאזוי א קוילן־קרובן זעט אויס?

טא וואס איז דער וואונדער, וואס ביי דער יידישער יוגנט האט זיך אינגאנצן געענדערט די באציונג צום מיליטער: דער יידישער יוגנט

לעבער פון זייבאך קוויאטקאווסקי, וועלכער דינט אין ים־בלאט שרייבט אהיים צו טאטע־מאמע באגייסטערטע בריוו; ווען ס'דארף אוועק אין מיליטער דער יוגנטלעכער ניעזנאנאווסקי, ארדענען אים די חברים און חברטעס איין א פייערלעכן געזעגענונגס־אוונט און ווינטשן אים ער זאל אין דער ארמיי נישט פארשעמען דעם יידישן נאמען, ווי ער האט אים נישט פארשעמט ביי דער ארבעט.

ווייט, ווייט איז אוועק יענע צייט, ווען דער פריזיוו איז געווען א קללה, ווען יידישע יוגנטלעכע פלעגן זיך חדשים צערן נישט צו גיין אין דער ארמיי.

נישטא די ארבעט, וואס זאל זיין צו שווער, דער קרבן, וואס זאל זיין טייער פאר אונזער נייעם פוילן, וואס גייט אויף, פארן לאנד, וואס האט אונז צוריקגעקערט די מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאציאנאלע ווירדע, וואס העלפט אונז אין קאמף פאר אונזערע ייצבטן אדיסער אירע גרענעצן — פארן נייעם דעמאקראטישן פאלקס־פוילן, וואס בויט איר סאציאליסטישן מארגן.

צום דינסט פון אונזער פאטערלאנד, צו אויפבוי און קאמף, צו ארבעט און פארטיידיקונג שטייט גרייט די גאנצע יידישע יוגנט פון פוילן.



מיר זיינען גרייט אין דינסט פאר פוילן

## כ. אליצקי

# דויטארמייער *)

ווען אויף די לאנקעס פיטערט זיך דער פרידן,
זיי קוקן הארציק אויף דער וועלט און מילד;
אז ווער זאל דאכטן גאר: צום קאמף נעמט זידן
אין זייער ברוסט דאס בלוט און זיך נישט שטילט!

קוים שאלט דער רוף: „געפאר!" געשעט א וואונדער:
א לאם — א לייב א יונגער צום פארצוק!
זיין שפרונג — א פלינקער און עלאסטיש־רונדער,
און פונקען שפריצט זיין אויפגעפלאמטער קוק.

ער שרפעט אוים דעם שונאס ווילדע אויגן
מיט שנאה — הייליקע, ווי ליבע און ווי מענטש.
און אויף זיין קרבן הויערט ער געבויגן
מיט ליפן, וועלכע שעפטשען קללה און געבענטש.

אויף שטערן זיינעם שטראלט א רויטער שטערן,
וואס בלוטיקט פארן בלוט פון גאר דער וועלט.
דער רוים נייגט צו זיין בלויען אויער — הערן
דעם טראט פון דעם באפרייענדיקן העלד...

קאוולע, 1940 — לאדזש, 1948

*) מיר דרוקן איבער דאס ליד פון פאריקן נומער „אויפגאנג" צוליב די דרוק־פעלערן, וואס זיינען, צום באדויערן, אין דעם אריינגעפאלן. רעד.




# פעדאגאגישע קאנפערענץ פון „ארט“-שולן

אין די ראמען פון דער צוגרייטונגס-ארבעט צום שול-יאר 1948-49 איז דעם 20-טן און 21-טן מערץ 1948 פארגעקומען אין וואלבזשיך א פעדאגאגישע קאנפערענץ פון לייטערס, לעקטארן, און אינסטרוקטארן פון אלע 1-יאריקע און 2-יאריקע שלאסער-מעכאנישע שאפערישע און עלעקטרא-מעכאנישע „ארט“-שולן.

די קאנפערענץ האט זיך געשטעלט פאר א ציל, אויפן סמך פון דער אנדערהאלבן-יעריקער דערפארונג פון דער ארבעט, דורכצודיסקוטירן די ביז - איצט פארפליכטנדיקע לערן-פלענער פון די באזונדערע שולן, כדי דערנאך איינצופירן א קאארדינירטן איינהייטלעכן פראגראם אין די דאזיקע שולן, און ענלעכן צו די פראגראמען פון די מלוכה-שולן פון דאזיקן טיפ.

א סך ארט איז געוואָרן געווידמעט דעם פראבלעם פון דער לערן-מעטאָדיק, דעם פראבלעם, וואס פארנעמט א וויכטיק ארט אין יעדן שול-וועזן און באזונדערס אין די ספעציפישע באדינגונגען פון דער ארבעט אין די „ארט“-שולן. ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין „ארט“-שול קומען מענטשן פון פארשידענעם עלטער, פון פארשידענעם אינטעלעקטועלן ניווא און פארשידענע צוגרייטונגען, און פון זיי אלע מוז זיך אויסבילדן איין גאנצער נארמאלער קלאס, פון א ווייט מעגלעך גלייכן ניווא. די אויפגאבע איז גארנישט קיין לייכטע.

דער באריכט פונם לייטער פון דער 2-יאריקער שלאסער-מעכאנישער שול אין ווראצלאוו און פון דער 2-יעריקער עלעקטרא-מעכאנישער שול אין וואלבזשיך, ווי אויך פון דער 1-יעריקער שלאסער-מעכאנישער און שאפערן-שול אין ביטאם א. אנד. האבן באוויזן, אז עס זיינען פאראן וויכטיקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט.

די רעפעראטן פון אינזש. זדונסקי און אינזש. אייערוויים האבן באלויכטן א גאנצע ריי מאמענטן פון דער אונטערריכטס-מעטאדיק, וועלכע וועלן אנגעווענדט ווערן אין דער שול-פראקטיק פון אלע „ארט“-שולן.

א סך אויפמערקזאמקייט איז געווידמעט געוואָרן דערציערישע פראבלעמען.

די קאנפערענץ האט אונטערגעשטראכן, אז „ארט“-שילער, פארלאזנדיק די שול, מוזן, אויסער דעם באגאזש פון פאך-קענטעניש, באזיצן אויך א געזונטע וועלט-אנשויונג. די שול דארף נישט בלויז אויסבילדן הויך-קוואליפיצירטע ספעציאליסטן, נאר אויך גלייכצייטיק דערציען א פול-ווערטיקן ייד.-דעמאקראט.

ס'איז געלייגט געוואָרן אכט אויף דער נויטיקייט איינצופלאנצן די שילער די נייע עטישע פרינציפן, כדי צו שאפן ביי זיי א נייע געזעלשאפטלעכע באציונג צו ארבעט און קאלעקטיוו-אייגנטום. אנטוויקלען צווישן די יונגע שילער א פארמעסט פאר די בעסטע רעזולטאטן פון לערע און פראקטיק, און גרעסערע פרעציזקייט אין די ארבעטן, וועלכע זיינען פארגעבן דורכן פראגראם. פאר פולער, געהעריקער און שפארזאמער אויסנוצונג פון רוי-שטאף.

אט די פאזיטיווע באציונג צו ארבעט, וועלכע שאפט זיך אין דער שול-אטמאספער פון „ארט“ וועט שפעטער אריבערגעטראגן ווערן אין ארבעטס-ווארשטאט.

די אבסאלווענטן פון דער „ארט“-שול דארפן אויף די ארבעטס-אונטערנעמונגען זיין ווירדיקע רעפרעזענטאנטן פון דעם זיך-ווידעראויפבויענדיקן אויף נייע יסודות יידישן לעבן אין פוילן און צוזאמען מיט אנדערע אבסאלווענטן פון מלוכהשע שולן זיין די ערשטע אין דעם ארבעטס-פארמעסט און פארבעסערונג פון די ארבעטס-מעטאדן.

א באזונדער ארט האט פארנומען די לערע פון דער יידישער געשיכטע און יידישער שפראך. איצט וועט דער „ארט“ לייגן אכט אין זיין שול-ארבעט אויף די פאכן, וואס האבן א שייכות צו שווער-אינדוסטריע און אנדערע פראדוקציע-צווייגן, וועלכע האבן פאר זיך א גרויסע אנטוויקלונגס-פערספעקטיוו אין דער פאלקס-ווירטשאפט פון פוילן.

## וואלי פאסמאניק

# חורבן

וועד האט אויסגעטראכט די שעה?
איך זע דער ווינט האט געבראכט
א שווארצן וואלקן צו טראגן.
אן אלטע, עלנטע קרא
זיצט אויף מיין צעבראכענעם דאך.
און הערט נישט אויף צו קלאגן.

לאדזש, 1948

# האנרי

(סוף פון זייט 18)

געוואָרגן; די גאס איז צוריק לײדיק געוואָרן און ווען ער האט זיך באלד דערנאך אויסגעמישט אין די אונטערערדישע קארידארן מיטן אנפלייצנדיקן עולם, האט ער דערפילט בלויז. אז דאס העמד קלעפט אויף אים. ערשט נאכן אפפארן דריי סטאנציעס, האט ער זיך געכאפט, אז דאס לינקע קנעכל ווארעמט אים. ווי ער וואלט געשטאנען ביי אן אנגעגליטן אויוון. ער האט זיך זייטיק, קיינער זאל נישט באמערקן, אנגעבויגן צו פאריכטן כלומרשט דעם הויז און ער האט באמערקט, אז דאס קליינע, ווארעמע שטראמל רינט אים אין שוך אריין. ער האט זיך צעשטרייט ארומגעקוקט און געזוכט, צי ס'זיינען נישט פאראן קיין סימנים נאך אים. קיין סימנים האט ער נישט געפונען. נאך ערשט איצט האט אים א שארפער ווייטיק אנגעהויבן צו נאגן. ער האט פארביסן א ליפ און לאנגזאם זיך דערשלעפט צו דער פארשטעקטער דירה, ערגעץ אין יענעם עק פאריז.

**ב. שלעווין**



די בעסטע ארט-שילער — וואלבזשיך, ביים רעמאנטירן זייער מאשין: קוטשינסקי, וואזניאק, שיימאן, ראזען, וויינשטיין.

# ספארט-ביילאגע

## טעטיקייט פון יידישן ספארט־קלוב „פרייהייט" אין ביעלאווע

דער יידישער ספארט־קלוב אין ביעלא־
ווע האט גערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג.
דער פארזיצער פון קלוב ווײנציער, האט גע־
עפנט די פארזאמלונג און האט איבערגעגעבן
א באריכט וועגן דער ביז איצטיקער טעטי־
קייט. דער קלוב האט זיך אנגעהויבן צו אנט־
וויקלען אין דער צייט פון פאליטישער סטא־
ביליזאציע **און ער האט געווינען** די סימ־
פאטיעס פון דער יידישער עפנטלעכקייט,
וועלכע האט ארויסגעוויזן א פארשטענדעניש
פאר די באדערפענישן פון קלוב, דורך מאטע־
ריעלער און מאראלישער שטיצע. היינט צו
טאג ציילט דער קלוב 230 מיטגלידער, אין
משך פון יאר האט די צאל פון ניי־רעגיס־
טרירטע זיך פארגרעסערט אויף 70 מיטגלי־
דער, דער קלוב האט אין די פארמעסטונגען
פון „ב" קלאס זיך בכבודיק רעפרעזענטירט אין
געמאכט זיך אזוי ארום א וועג צו „א" קלאס.
ווייטער גיט דער פארזיצער איבער די רעזול־
טאטן פון די פארמעסטונגען פון דער פוט־
באל־סעקציע:

די פוטבאל־סעקציע האט געשפילט 10
פארמעסטונגען וועגן דער מייסטערשאפט
פון „ב" קלאס און אלע געוווּנען, די 11־טע
פארמעסטונג, וועלכע האט רעצידירט וועגן



פינק־פאנג מאנשאפט — שטשעטשין

דעם מייסטער־טיטל, פון „ב" קלאס האט
זיך אויך געענדיקט מיט א זיג און דאס האט
רעצידירט, אז די סעקציע זאל אריינטרעטן
אין „א" קלאס. פריינטשאפטס־פארמעסטונגען
זיינען פארגעקומען 19. פון זיי: 11 געווונע־
נע, 4 רעמי, 4 פארשפילטע. די בעסטע שפי־
לער פון דער פוטבאל־מאנשאפט האבן דערא־
בערט פאר דעם קלוב 101 גאלן. דער טויער־
מאן גלייכמאן, איז באלוינט געווארן דורך
דער פארוואלטונג פון קלוב מיט א גאלדן
פינגערל, פאר פארטיידיקן דעם טויער פון
קלוב אויף 50 פארמעסטונגען. ווייטער גיט
איבער דער פארזיצער א באריכט וועגן דער
טעטיקייט פון דער פינג־פאנג־סעקציע, וועל־
כע האט ארויסגעוויזן א סך אקטיוויטעט.
מיט א זיגרייכן מארש איז די פינג־פאנג־סעק־
ציע דורכגעגאנגען אלע פארמעסטונגען און
אלס זיגער פון דעם היגן קרייז דערגרייכט
דאס דריטע ארט אין די פארמעסטונגען פון
ווראצלאווער **קרייז.**

## יידישע ספארטלער פארן קעמפנדיקן ארץ־ישראל

זונטיק, דעם 7־טן מערץ איז אין וואלבזשיך
פארגעקומען א פוטבאל־פארמעסטונג צווישן
די צוויי בעסטע יידישע פוטבאל־מאנשאפטן
פון די קלובן זש. ק. ס. „פרייהייט" פון ביעלא
ווע און זש.ק.ס. פון וואלבזשיך. די פארמעס
טונג איז געווארן ארגאניזירט לטובת דעם
קעמפנדיקן יידישן ישוב אין פאלעסטינע. די
פארמעסטונג האט ארויסגערופן גרויס אינטע־
רעס.



ה. ווילדע 4 קמ. לויף — דזשערזשאניוו



פוטבאל־מאנשאפט — ביעלאווע

אין אנהויב פון דער פארמעסטונג נעמט די
איניציאטיוו די ביעלאווער מאנשאפט און אויס
נוצנדיק א ריי מאמענטן ווערט אריינגעקלאפט
אין טויער פון וואלבזשיך דער ערשטער גאל
פון פינקלערן. די ביעלאווער מאנשאפט גרייפט
ווייטער אן דעם טויער פון וואלבזשיך. אין דער
דרייצנטער מינוט שיסט דער שפילער וויעל־
קאבראדא דעם צווייטן גאל אין טויער פון
וואלבזשיך.

נישט געקוקט אויף דעם, וואס די וואל־
בזשיכער מאנשאפט פארטיידיקט אמביציעז
דעם טויער, קלאפט אין דער דרייסיקסטער
מינוט דער שפילער שעפער, דעם דריטן גאל
אין דעם טויער פון וואלבזשיך. מיט דעם רע־
זולטאט ענדיקט זיך דער ערשטער איבערייס
3:0 לטובת דער ביעלאווער מאנשאפט. נאכן
איבערייס שפילט די וואלבזשיכער מאנשאפט
אין א שטארקן טעמפא, וועלכער האלט אן עט־
לעכע מינוטן. די שפיל ווערט אויסגעגלייכט.
עס פאלט דער ערשטער גאל אין טויער פון
ביעלאווע. דער קלאפ איז געווען א פינקטלע־
כער און א שטארקער — נישט צום איינהאלטן.
די שפיל איז זייער א לעבעדיקע. די מאנ־
שאפטן שפילן זייער פארביסן און איבערגע־
געבן. טראץ אלע באמיונגען פון וואלבזשיכער
מאנשאפט פאלט אין דער 85־טער מינוט דער
4־טער גאל אין טויער פון וואלבזשיך — גע־
שאסן דורך וויעלקאבראדא. אזוי זעט אויס
דער רעזולטאט פון דער פארמעסטונג 4:1
לטובת דעם ביעלאווער יידישן ספארט־קלוב.
צושויער 3,500 שיד־ריכטער — ווישניעווסקי.
אויסגעצייכנט האבן זיך די שפילער פון ביע־
לאווע: שעפער, גראסהאוס. פון וואלבזשיך:
דער טויערמאן וואזשניאק, ווייסהאניק און מו־
ראוויעק.



פינג־פאנג מאנשאפט — ווארשע

**יידישע ספארטלער** גרייט זיך צום זומער־סעזאן !




# געטאָ־וויצן

## צי ביסטו אַן איטאַליענער?

א דייטש יאָגט נאָך א ייד. דער ייד אנטלויפט, דער דייטש שרייט אים נאָך ער זאָל שטיין בלייבן.

דער ייד לויפט אָבער ווייטער, דער דייטש אַן אויפגערעגטער שרייט אים נאָך: וואָס לויפסטו דו יודע? צו ביזסטו אַן איטאַליענער?.

## דאָס איז אַלץ

היטלער ווענדעט זיך צום גענעראַל פראַנק, ווי אזוי האָסט דו קאַמעראַד דערלייזיקט די יידן־פראַגע?

איך — ענטפערט פראַנק — האָב איינגעפירט געלע לאַטעס.

דאָס איז גאָרנישט — זאָגט דער פירער.

איך האָב אויף זיי ארויפגעלייגט קאָנטריבוציעס, איינגעפירט געטאָס, פארקלענערט די אפּראָוויזאַציע, איינגעפירט צוואַנגס־אַרבעט און רעכנט דערביי אויס, נאָך א לאַנגן צעטל פון גזירות און נגישות. דאָס איז אַלץ גאָרנישט – ענטפערט דער פירער.

לסוף רופט זיך אָן פראַנק: איך האָב די יידן געגעבן אויטאָנאָמיע און יידן־ראַטן.

אה! דאָס איז אַלץ — ענטפערט דער פירער.

אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אז די מלחמה זאָל אזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג יידן קאָנען אויסהאַלטן.

יידן האָבן געדינט פרעמדע געטאָ (לויט דער וואַרשעווער אויסשפּראַך אויף געטער) האָט מען זיי מזכה געווען מיט א געטאָ.

## „אָחשעס"

סקלאַדקאָווסקי איז געקומען קיין ארץ־ישראל. ער איז אוועק צו גרינבוימען. סקלאַדקאָווסקי פרעגט גרינבוימען צו ער וועט קאָנען ביי אים לאָזשירן. „אָושעם" — ענטפערט גרינבוים.

ער האָט די וועלט אין דר'ערד



## „געטאָ־תּפילה"

א היינטיקע יידישע תפילה:

העלף מיר השי"ת איך זאָל ווערן א פרעזעס, אָדער א וויצע, בכדי איך זאָל מיר אַליין אויסטיילן שטיצע.

## דעם פירער קאָן איך נישט פאַרלירן

רובינשטיין זאָגט: איך האָב געהאַט א גראָשן און אים פאַרלוירן
א צווייער און אים פאַרלוירן
א דריטער און אים פאַרלוירן
און נאָר דעם פירער קאָן איך נישט פאַרלירן.

## די „אַקס" וועט געווינען

א דייטש שלאָגט מערדערלעך א ייד אין מיטן שלאָגן ווענדעט זיך פלוצים דער שלעגער צום ייד: „אויב וועסט מיר זאָגן ווער עס וועט געווינען און ווער פאַרשפּילן די מלחמה, וועל איך דיך נישט שלאָגן. דער ייד איז מסכים און ענטפערט:

די „אַקס" וועט געווינען, דער „איד" וועט פאַרשפּילן. דער דייטש האָט געהאַלטן וואָרט און דעם ייד באפרייט. א צווייטער ייד, וואָס האָט בייגעווינט די סצענע פרעגט דעם ייד, וואָס ער האָט דערמיט געמיינט.

דער ייד דערקלערט:

איך האָב געזאָגט, אז די אַקס (Achse) וועט געווינען, האָב איך געמיינט די פעלקער וועמענס ראשי־תיבות געפינען זיך אין וואָרט: Aksche: A — מיינט אמעריקע, Ch — מיינט כינא, S — מיינט סאָוויעטן, E — מיינט ענגלאַנד.

איך האָב געזאָגט, אז דער „איד" וועט פאַרשפּילן האָב איך געמיינט די ראשי־תיבות פונם וואָרט „איד": א — איטאַליען, י — יאַפּאַן, ד — דייטשלאַנד.

## יידן איז גוט

יידן זיינען לעצטנס זייער פרום, זיינען מקיים אַלע ימים־טובים, דהיינו: ווערן געשטאָכן און געלעכערט ווי מצות, האָבן נישט קיין המק ווי אין פּסח, מען שלאָגט זיי ווי הושענות, מען קלאַפּט זיי ווי המנען. זיינען אזוי גרין ווי אַן אתרוג און דאַר ווי א לולב, פאַסטן ווי אין יום־כּפּור, מען ברענט זיי ווי חנוכה און האָבן א געמיט ווי אין תשעה־באב.

## ער וועט זיכער איינעמען

עס זיצן א ייד מיט א דייטש. דער דייטש שפּרייט אויס א וועלט־מאַפּע און באַרימט זיך פאַרן ייד וואָס היטלער האָט שוין אַלץ איינגענומען.

פרעגט אים דער ייד: און א מיתה־משונה האָט ער אויך שוין איינגענומען? דער דייטש זוכט אויף דער מאַפּע און געפינט נישט אזא לאַנד. רופט ער זיך אָפּ צום ייד: אויף דער מאַפּע געפינט זיך נישט אזעלכעס, נאָר קוים איז עס דאָ ערגעץ, וועט דאָס אונזער פירער זיכער איינעמען.

א קישקע און א דנא




רעדאַקציע־קאָלעגיע:

באָזשיקאָווסקי ט., וואַרשאַווסקי י., עדעלמאַן מ., קוואַטערקא א., קורץ ד., שווזט נ., שטערן פּ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: י. וואַרשאַווסקי

הילף: מ. רייזמאַן, צייכענונג: ש. פאַגעלמאַן

Wydawca: Wydz. Młodz. Centralnego Komitetu Żydów w Polsce. Adres Redakcji: „Ojfgang", Warszawa, Sienna 60.
Składano w zecerni „Folks-Sztyme", Łódź Narutowicza 32. Druk. R. S. W. „Prasa" Łódź, Żwirki 17.
D-019741 CENA 20 ZŁ.

Egzemplarz obowiązkowy
Nr. Ks. nab. 191 Data 17.IV.48 r.

# מיר בויען א דענקמאל
# פון יידישן העלדנמוט
# און גבורה!

Nr 9
1948
19 IV

